Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

הײַנט 8 זײַטען

נײַער פאָלקסבלאַט

אונפּארטייאישע פּאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 177/1473 | Łódź, Poniedziałek, 30 lipca 928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, יג מנחם אב תרפ"ח | Nr. 177/1473

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 3471. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

די מוראדיגע שרפה אויף ציגעל-גאס 81.

פאַלשע קלאַנגען, אַז אַ קימפּעטאָרין איז אַרויסגעשפּרונגען פון ערשטען שטאָק. — פּאַגאָטאָווע פון דער קראַנקען-קאַסע, מאַגיסטראַט און „לינת-הצדק" בײַ דער רעטונגס-אַקציע. — טעלעפאָן-צענטראַלע נישט געקאָנט דערפילען אַלע פאָדערונגען אויף טעלעפאָן-פערבינדונגען. — קאָמענדאַנט גראַהמאַן איז נישט געווען אין לאָדז און איז טעלעפאָניש אַרויסגערופען געוואָרען. — 2000 קילא בע-מיקאַליען אומגעקומען אין פלאַמען. — די אויספאָרשונג איז שטאַרק בעשווערט. — אַ קאָמיסיע פון דרײַ בעמיקער.

ווי מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט האָט זיך די שרפה אָנגעהויבען אין די כעמיקאַלען-לאַגערען פון דער פירמע עמיל האַדריאַן פון פּאַביאַניץ.

די דאָזיגע פירמע האָט געהאַט אַ קאַנטאָר און אַ גרויסען לאַגער פון פּערש. כעמישע אַרטיקלען אויף ציגעל-גאַס 81, די אַרטיקלען אין פּעסער און בוטעלס האָבען זיך געפונען אויפ'ן זעלבען הויף אין קעלערס און שאַפּעס.

אַרום האַלב 1 אַ זייגער בײַנאַכט האָט פון הויז מיטאַמאָל אַרויסגעזעצט אַ פייער-זאַל און איינציטיג האָט זיך דערהערט איינער נאָכ'ן אַנדערען געוואַלדיג הילכיגע אויפרייסען, וואָס האָבען דערמאָנט אָן די אַמאָליגע טרומעל-פייער אין די צייטען פון דער בעלאַגערונג.

אין די נאָהענטסטע קוואַרטאַלען האָט זיך צו דעם גערויש פון די אויפרייסען זיך פעראייניגט דער קלאַנג און רויש פון די אַרויסגעריסענע פענסטער און אויסגעהאַקטע שויבען דער קלאַנג פון די געבראָכענע גלאָז, וואָס האָט אָנגעפילט אַלע גאַסען, האָט זיך צונויפגעמישט מיט די געשרייען פון די איבערגעשראָקענע איינוואוינער און דורכגעהער, וועלכע זענען פון די צובראָכענע שויבען פערוואונדעט געוואָרען.

די צאָהל פערוואונדעטע דערגרייכט אין די צעהנדליגער.

פון די אויפרייסען איז צוו. אַנר. בעשעדיגט געוואָרען די טעלעפאָן-פערבינדונג און מ'האָט נישט געקענט באַלד אפילו אַרויסרופען די פייערלעשער.

די פּאָליציי האָט זיך באַלד אָריענטירט און אָפּגעשלאָסען די אַרומיגע גאַסען, כדי צו פערהיטען די דורכגעהער פון עווענטועלע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע האָבען געקענט פאָרקומען צוליב די מעגליכע ווייטערדיגע אויפרייסען. און די מורא איז טאַקי, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען געווען נישט קיין אומזיסטע, מ'דאַרף אָבער בעמערקען, אַז די פּאָליציי איז מאָמענטענווייז געווען צו שטרענג צו די פאָרשטעהער פון דער פּרעסע, וועלכע דאַרף דאָך קענען פרײַ און שנעל זיך בעוועגען.

פון די אויפרייסען האָט זיך אַ שטיק מויער אַריבערגעוואָרפען אויף אַ מהלך פון איבער 100 מעטער איבער בעלשאָווסקי'ס פּאַלאַץ, איבער דער ברייט פון דער סקווערנאַווא גאַס, אַרורכגעבראָכען דאָס פענסטער פונ'ם איינוואוינער אויף סקווערנאָווא 5 דורכגעפלויגען די גאַנצע שטוב און אויסגעבראָכען אַ שטיק טיר. די הײַמישע זענען שוין געלעגען אין די בעטען און זענען פונ'ם רויש און קנאַל אויפגעוועקט געוואָרען, זיי האָבען זיך נישט באַלד אָריענטירט און נישט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר. האַלב נאַקעטע זענען זיי אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס און זיך ערשט דאָ דערוואוסט, אַז ס'איז נישט געווען קיין דונער, ווי ס'האָט זיך זיי פון אָנהויב געדאַכט, נאָר ס'איז אַ שרפה, וועלכע נעהמט אָן ווי ס'זעהט אויס אַ גאַנץ געפעהרליכען כאַראַקטער. דערווייל איז די מהומה אין די גאַסען געוואָרען, וואָס אַמאָל שטאַרקער.

אינ'ם קריסטליכען „מושב זקנים" וואָס גרעניצט זיך מיט דעם הויז פון דער שרפה און אין דער שטעטישער קימפּעטאָרין-קליניק, איז די מהומה געווען אַ געוואַלדיגע. קימפּעטאָרינס האָבען ספּאַזמירט. קיין טעלעפאָן-פערבינדונג איז נישט געווען איינע פון די פלעגערינס פר. קרייצאָוואַ איז פערוואונדעט געוואָרען. זי האָט געוואָלט בענוצען דעם טעלעפאָן, דערווייל איז פון אַנ'אויפרייס אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען און זי איז פערוואונדעט געוואָרען פון אַ שטיק גלאָז.

מ'האָט פונדעסטוועגען מודיע געווען די פּאָגאָטאָוויע, וועלכע האָט אַרויסגעשיקט עטליכע קאַרעטקעס און די ערנסטע קראַנקע באַלד איבערגעפיהרט אין אַנדערע שפּיטאָלען, אינ'ם טומעל און פּאַניק האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ קימפּעטאָרין איז אַרויסגעשפּרונגען פון ערשטען שטאָק און זיך שטאַרק פערוואונדעט. מיר האָבען אויפ'ן אָרט באַלד דעם קלאַנג נאָכקאָנטראָלירט און פעסטגעשטעלט אַז ס'איז נישט אמת. דער קלאַנג האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס די פלעגערין פר. שיטאָוואַ איז אַראָפּ געגאַנגען און מ'האָט נישט באַלד געוואוסט, וואו זי איז, ווען די פּאַניק איז אַביסעל אַרויך און ס'איז געוואָרען רוהיגער, האָט זיך די פלעגערין ש. בעוויזען.

אין קליניק זענען פון די אויפרייסען אויסגעהאַקט געוואָרען אַלע שויבען און ס'זענען פערגאָסען געוואָרען מיט וואַסער די סופיטען בעת דער רעטטונגס-אַקציע. פון די קימפּעטאָרינס, סײַ פון דער בעדינונג האָט קיינעם גאָרנישט פּאַסירט, אַ חוץ דער דערמאָנטער פר. קרייצאָוואַ, וועלכע איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען מיט'ן גלאָז פון די אויסגעהאַקטע שויבען.

די געוואַלדיגע קראַכען און קנאַלען פון דעם אויפרייס האָבען זיך געהערט אויך אויף די זומער-וואוינונגען אַרום לאָדז, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע בעאונרוהיגונג צווישען די לעטניקעס, וועלכע האָבען נישט געוואוסט מיט וואָס צו ערקלערען די סבה פונדי אויפטרייסלונגען.

די רעטונגס-אַקציע פון די פייערלעשער איז געפיהרט געוואָרען אויסגעצייכענט. מ'האָט געוואוסט, אַז אין הויף געפינען זיך עטליכע צענדלינג פעסלעך מיט בענזין, ווען דאָס פייער וואָלט זיי אָנגערירט, וואָלט פון דער גאַנצער אומגעגענד געוואָרען אַ חורבן, איז די הויפּט-אַקציע געגאַנגען אין דער ערשטער רייה, צו לאָקאַליזירען דאָס פייער, נישט דערלאָזען איהם צום בענזין און אָפּצוראַטעווען די אַרומיגע בנינים.

די אַקציע איז אויך גלענצענד געלונגען, ס'איז אינטערעסאַנט: אין די אַרומיגע הייזער אפילו פון די שכנות'דיגע גאַסען זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען פון די פענסטער, אָפּט אַרויסגעריסען מיט די סטערינעס און אין קאַנטאָר פון האַדריאַן איז די פּאָרלאָגע געבליבען נישט פערברענט אין דעם צובוי-פּאַרטער זענען אויף די פענסטער געבליבען הענגען די פאָרהאַנגען.

אויף סקווערנאָוואַ 7 זענען נישט בלויז אויסגעהאַקט געוואָרען אַלע שויבען פון די פענסטער, נאָר אויך די טירען פון די אינוועניגסטע צימערען זענען אַרויסגעריסען געוואָרען.

אין אַנדערע הייזער איז אויך דאָס זעלבע געווען.

* * *

אַ גאַנצען טאָג האָט נעכטען אויפ'ן אָרט פון דער שרפה געווימעלט פון מענשען. די פּאָליציי האָט אָבער נאָך ווייטער אָפּגעשלאָסען דעם אָרט און קיינעם אַהיין נישט צוגעלאָזט. די פייערלעשער האָבען נאָך געלאָשען דיי חורבות, וואָס האָבען זיך נאָך געטליעט, די גאַסען אַרום זעהען אויס, ווי נאָך אַ שלאַכט.

פון אַלע הײַזער קוקען אַרויס די פינסטערע לעכער, אַנשטאָט פענסטער, ערטערווייז זענען זיי שוין פערקלאַפּט אָדער פערהאָנגען מיט ברעטער, טאָוועל א. א. וו.

די אָרימערע קלאָגען זיך אויפ'ן אומגליק וואָס ס'האָט זיי געטראָפען. פאַר אַ דורכשניטליכען אַרבייטער אָדער אָנגעשטעלטען, קליינהענדלער און האַנדווערקער איז עס אַ בעדייטענדע לאָך אין זיין בודזשעט די פּאָר צענדלינג און אפשר הונדערט זלאָטים אויף צו פעריכטען די געמאַכטע שאָדענס, שויבען, טירען שלעסער א. אַ. וו.

וואָס זענען די איינוואוינער שולדיג, אַז מען האָט דערלויבט אין אַזאַ בעוואוינטען שטאָט טייל איינצואָרדנען אַ לאַגער פון אויפרייסענדע און לייכט-ברענענדע שטאָפען.

* * *

בעת דער נעכטיגער שרפה אין כעמיקאַלען-לאַגער אויף צעגעלניאַנאַ 81 האָבען זיך אין דער שכנות'דיגער קימפּעטאָרין-קליניק פון דער קריסטליכער דאָבראָטשינאָשטש-געזעלשאַפט געפינען 40 קימפּעטאָרינס, פון וועלכע 18 זענען מאָמענטאַל ענטלאָפען, דיי רעשט פרויען, וועלכע זענען געווען שווערערע קראַנקע האָט די דינערשאַפט איבערגעטראָגען אויפ'ן פּאַרטער, פון וואַנען זיי זענען מיט די פּאָגאָטאָוויע-קאַרעטקעס פון דער קראַנקען-קאַסע, מאַגיסטראַט און „לינת הצדק" אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין פּאָזנאַנסקי'ס און אין אַנדערע שפּיטאָלען.

די וועכנערין-קליניק שטעלט מיט זיך פאָר, כמעט, אַ חורבה, ווייל צוליב דעם אויפרייס, זענען די פענסטער, טירען און סופיטען אײַנגעפאַלען.

אויך פון דעם שכנות'דיגען, קריסטלייכען „מושב זקנים" זענען אַרויסגעפאַלען די פענסטער און טירען און עטליכע זקנים זענען פערוואונדעט געוואָרען.

אויף צעגעלניאַנאַ 83 געפינט זיך אַ פּלאַץ, וועלכער געהערט צו דער קריסטליכער דאָבראַטשינאָשטש-געזעלשאַפט; אויף דעם פּלאַץ זענען געווען געבויט איינגע שאַפּעס, ווי אויך אַ חזיר-שטאַל, אין וועלכען ס'האָבען זיך געפינען צוויי חזירים. די אַלע געביידעס און די חזירים זענען פערברענט געוואָרען.

דאָס פייער, וואָס איז ענטשטאַנען, אַ דאַנק דעם אויפרייס, וואָלט בעשטימט אָנגענומען אַ סך ערנערע פאָרמען, ווען די פייערלעשער, וואָלטען נישט מיט'ן גרעסטען מסירות-נפש פון זייער זייט, אַרויסגעראַטעוועט 50 פעסער מיט בענזין.

אויפ'ן אָרט פון דער שרפה דיזשורירט נאָך כסדר אַנ'אָפּטיילונג פייער-לעשער.

אויסער די פערוואונדעטע מיט שטיקער גלאָז, וועלכע ס'האָבען ערטיילט הילף די פּאָגאָטאָוויעס פון קראַנקען-קאַסע לינת-הצדק און פּריוואַטע דאָקטוירים זענען אויך אָפּגעבריהט געוואָרען, די נאַטשאַלניקעס פון די פייער-לעשער פּלאַטשעניק און פּייפער און 6 פייערלעשער.

שווער האָט זיך אָפּגעבריהט די איינוואוינערין פונ'ם הויז, וואו די שרפה איז אויסגעבראָכען פרוי וואָנעניאַ מאַקאָווסקאַ, וועלכער פּאָגאָטאָוויע האָט אָפּגעפיהרט אין שטאָטישען זאַמעל-פּונקט.

פון אַ שטיק שויבענגלאָז איז פערוואונדעט געוואָרען דער דורכגעהער ברוך מאַראַנסקי פון נאָוואָמיעסקאַ 24, וועלכער האָט געוואָלט, בעת דער שרפה, ראַטעווען דעם איינוואוינער פון יענעם הויז ה' וועקסלער.

די שאָדענס פון דער שרפה זענען לעת-עתה נישט אָפּגעשאַצט געוואָרען.

(ב) באַלד ווי דער אויפרייס האָט אָפּגעהילכט אין שטאָט, איז די טעלעפאָן-סטאַציע אַלאַרמירט געוואָרען פון הונדערטער אַבאָנענטען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט דערוויסען די סבות פון דעם קראַכען; צוליב דעם אָבער, וואָס דאָס איז געשעהן נאָך האַלבער נאַכט, ווען אויף דער טעלעפאָן-צענטראַלע געפינט זיך נאָר די דיזשורירענדע טעלעפאָניסטקע און איהר העלפערין זענען זיי נישט ביכולה געווען אַלעמען צו פערבינדען אָדער צו ענטפערען; פערבינדונגען האָבען בעקומען נאָר די פייערלעשער, פּאָליציי, מיליטער, פּאָגאָטאָוויע און די רעדאַקציעס.

דער ערשטער, וואָס האָט אַלאַרמירט די פייַערלעשער, איז געווען דאָס קריסטליכע מושב-זקנים, וואו עס זענען טאַקי אַהינגעקומען צוויי פייערלעשער-אָפּטיילונגען מיט'ן נאַטשאַלניק פון דער פייערלעשער פּלוטשעניק אין דער שפּיץ, וועלכער האָט זיך מאָמענטאַל אָריענטירט אין דער סיטואַציע און האָט טעלעפאָניש פון מושב-זקנים טאַקי

(ענדע זעה 5-טע זייט)

DR. MED. DONCHIN

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

צוריקגעקומען

קיין פּוילען

נעמט אָן

מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך

און דאָנערשטאָג

פון 10–1 און פון 7–4 נ. מ.

מאָניושקי 1 (Moniuszki)

טעל. 9-97

האַנדווערקער-פעראיין, אַגראַדאָווא 9

(פריהער זאַכאָדניאַ 66)

צו אַלע דאַמען-מאַגאַזין-שניידער אין לאָדז, אויך צו די מיטגלידער פון 1-טען מאַי 2 און אַזעלכע, וואָס זענען אין ערגיץ נישט קיין מיטגלידער!

הײַנט, זונטאָג, 8 אַ זייגער אין אָוונט

א וויכטיגע פערזאַמלונג

וועגען אויסבעסערען אונזער טרויריגע לאַגע.

אכטונג, טישלער, טאַפּעצירער, דרעקסלער. שניצער און בערשטענבינדער! הײַנט 8 אָוונט – א וויכטיגע פאַך-פערזאַמלונג

מיט דער טאָג-אָרדנונג: צעך-קאַרטען, וואַהלען.

702

גאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען זונטאָג י"ב מנחם אב געשטאָרבען אין פּיעטריקאָוו אונזער ליבער טאַטע, שוויגערפאָטער און גראָספאָטער, ג' פיליציהריגער בירגער פון שטאָט לאָדז

נ"ע

ישעיה וואָראָבלעווסקי

אין עלטער פון 90 יאָהר.

די לויה קומט פאָר הײַנט, מאָנטאָג אין פּיעטריקאָוו, וועגען וואָס עס טיילען מיט

אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

פּראָפ. ווייצמאַן דימיסיאָנירט
צוזאַמען מיט דער גאַנצער עקזעקוטיווע.
מען זוכט אַן אויסגאַנג פון דער שווערער לאַגע.

בערלין, 29. טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) שפּעט ביינאַכט איז אויסגעבראָכן אַן אויסערגעוועהנליך שאַרפער קריזיס. די גאַנצע עקזעקוטיווע האָט זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע.

דער קריזיס איז אויסגעבראָכן צוליב דעם, וואָס די „פּועלי-ציון“, „התאַחדות“ און „מזרחי“ האָבן געוואָלט אויסדריקען אומצוטרוי דעם מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, אַדוואָקאַט האַררי סאַקער.

דערביי האָבן די אָפּאָזיציאָנערען פערזיכערט, אַז דער אומצוטרוי-וואָטום איז גוגע בלויז סאַקער׳ן און נישט די גאַנצע עקזעקוטיווע. זיי האָבן נעמליך פאָרגעשלאָגען, אַז די עקזעקוטיווע זאָל לאָזען פאַלען סאַקער׳ן.

ווייצמאַן האָט אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז די גאַנצע עקזעקוטיווע סאָלידאַריזירט זיך מיט סאַקער׳ן, און וועט זיך אָנגעבען אין דימיסיע, אויב איהם וועט אויסגעדריקט ווערען אומצוטרוי.

בערלין, 29. (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) האַלב איינס ביינאַכט איז אויף דער פלענאַר-זיצונג דערשינען די גאַנצע עקזעקוטיווע מיט דער פּאָליטישער קאָמיסיע.

לעאָן מאָצקין האָט דערקלערט די זיצונג פאַר אַ געהיימע.

עס האָבן זיך אָנגעהויבען שטורמישע ויכוחים.

די אָנהענגער פון ווייצמאַן׳ען האָבן פּראָטעסטירט געגען אַריינטראָגען אַן אומצוטרוי-וואָטום פאַר אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, און האָבן אָנגעוויזען, אַז דער אַקציאָנס-קאָמיטעט איז דערצו נישט קאָמפּעטענט. אַ צוטרוי-וואָטום ליגט נאָר אין דער קאָמפּעטענץ פון קאָנגרעס.

מיט 24 שטימען געגען 18 איז נאָך דעם בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט יאָ דאָס רעכט צו אויסדריקען אָדער נישט-אויסדריקען צוטרוי.

דאַן איז בעשלאָסען געוואָרען צו איבערגעבען דעם דאָזיגען ענין צו אַ יורידישער עקספּערטיזע און די פּערזאָנען פון אַדוו. גראָנעמאַן און ד״ר אָסקאַר קאָהן.

נאָך אַ בעראַטונג האָבן די לעצטע דערקלערט, אַז דער ענין איז קאָנסטיטוציאָנעל נישט אויפגעקלערט.

דאַן האָט קאַפּלאַן („התאַחדות“) איבערגעלייענט אַ דעקלאַראַציע, וועלכע איז געווען אונטערגעשריבען פון 8 מזרחיסטען, 6 פּועלי-ציוניסטען, 6 „התאחדות׳ניקעס“ און סופראַווסקי׳ן מיט מאָסינזאָנען. אין דער דאָזיגער דעקלאַראַציע ווערט אויסגעדריקט אומצוטרוי פאַר האַררי סאַקער, נאָר צוליב דעם, וואָס דער ענין פון אומצוטרוי-פאָרשלאַג איז געבליבען קאָנסטיטוציאָנעל נישט-אויפגעקלערט, רעזיגנירען די אונטערשריבענע פון אַן׳אָפּשטימונג.

נאָכ׳ן אַדורכלייענען די דאָזיגע דעקלאַראַציע, האָט סאַקער תיכף פערלאָזען דעם זיצונגס-זאַל.

ווייצמאַן האָט דאַן דערקלערט, אַז מחמת דער געשאַפענער לאַגע סאָלידאַריזירט זיך די גאַנצע עקזעקוטיווע און גיט זיך אָן אין דימיסיע.

גלייך דערנאָך האָט די גאַנצע עקזעקוטיווע פערלאָזט דעם זאַל.

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ געוואַלדיגע צורודערונג.

מאיר גראָסמאַן (רעוויזיאָניסט) האָט דאַן אויפגעפאָדערט די געגנער פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע האָבן אונטערשריבען די דעקלאַראַציע, אַז זיי זאָלען איבערנעהמען די בילדונג פון אַ נייער עקזעקוטיווע, און דערביי פאָרגעשלאָגען דעם פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: אוסישקין, רופּין, שפּרינצאַק, קאַפּלאַנסקי, גרינבוים.

זיין פאָרשלאַג איז אָבער אַפילו נישט דיסקוטירט געוואָרען.

עס האָבן זיך פערפיהרט פערביטערטע ויכוחים, וועלכע האָבן זיך פערצויגען ביז׳ן גרויעם טאָג אַריין.

אין דערפריה איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אַז דער אַקציאָנס-קאָמיטעט נעמט נישט צו קענטניש די דימיסיע פון דער עקזעקוטיווע.

דאָס פּרעזידיום פון דעם אַקציאָנס-קאָמיטעט אין די פּערזאָנען פון די ה״ה מאָצקין, שפּרינצאַק, קאַפּלאַנסקי און הרב מאיר בערלין, וועלכער פערטרעט פאַרבשטיינען האָט בעזוכט דעם פּראָפ. ווייצמאַן אין זיין האָטעל, און האָט איהם איבערגעגעבען די בעשלוסען פון פלענום פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, אַז די דימיסיע ווערט נישט גענומען צו קענטעניש, און די עקזעקוטיווע ווערט געבעטען ווייטער צו פיהרען איהר טעטיגקייט.

פּראָפ. ווייצמאַן האָט געענטפערט, אַז נאָר דאָס צוריקציהען די דעקלאַראַציע קאָן צוריקשטעלען די פריהערדיגע לאַגע.

בערלין, 29. (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט היינט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג, אויף וועלכער די אָנהענגער פון ווייצמאַן׳ען האָבן דערקלערט, אַז ביי דער איצט-געשאַפענער לאַגע זענען דאָ דריי אויסוועגען, ווי דהיינו — 1) אַז די 22 מיטגלידער פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, וואָס האָבן גע׳חתמ׳עט די דעקלאַראַציע, זאָלען צוריקציהען זייערע אונטערשריפטען, 2) בילדען אַ נייע עקזעקוטיווע אָדער — 3) דערקלערען, אַז דער אַקציאָנס-קאָמיטעט פיהלט זיך אומפעהיג צו אויסקלויבען אַ נייע עקזעקוטיווע, און דאַן וועלען די ווייצמאַניסטען איינגעפינען, אַז זיי האָבן אַ פעסטע פולמאַכט צו בילדען אַ נייע עקזעקוטיווע, וואָס וועט זיין עהנליך צו דער פריהערדיגער.

צו דעם דאָזיגען אויסוועג זייערען פעהלט זיי בלויז די הסכמה פון פּראָפ. ווייצמאַן.

בערלין, 29 (טעלעגראַפיש דורך יט״אַ). די 22 מיטגלידער, וואָס האָבן אונטערגעשריבען די דעקלאַראַציע האָבן אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג, אויף וועלכער ס׳איז דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע וועגען שאַפען אַ נייע עקזעקוטיווע.

עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אין דער ארץ-ישראל-עקזעקוטיווע צו וועהלען: אוסישקין, רופּין, שפּרינצאַק און קאַלאָנעל קיש; און פאַר דער לאָנדאָנער עקזעקוטיווע: סאָלאָווייטשיק און קאַפּלאַנסקי.

דער דאָזיגער פאָרשלאַג האָט קנאַפּע שאַנסען רעאַליזירט צו ווערען.

מען האָט לאַנג דעבאַטירט און געזוכט אַן אויסוועג אויף אַרויסצוגעהן פון דער געשאַפענער לאַגע.

בערלין, 29 (טעלעגראַפיש דורך יט״אַ). עס האָבן זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז ווייצמאַן האָט אויסגעדריקט זיין הסכמה ווייטער צו פיהרען די אַגענץ-פּאָליטיק ביז׳ן אויפטראַג פון אַ נייער עקזעקוטיווע ביז צום נאָהענטסטען קאָנגרעס.

יוד. וואַהל-קוריע אין סאַלאָניקי בלייבט
פילאָסעמיטישע פערזיכערונגען פון ווענזעלאָס.

אַטען. (יט״אַ). דער געוועזענער דעפּוטאַט בעסאַנטשי, וועלכער האָט אונטערגענומען די אינטערווענץ וועגען אָבשאַפען די בעזונדערע יודישע קוריע בעת די פאָרשטעהענדע וואַהלען צום גריכישען פּאַרלאַמענט האָט מיטגעטיילט, דאָס זיינע בעמיהונגען האָבן נישט געהאַט קיין פּאָזיטיווען רעזולטאַט. ה׳ בעסאַנטשי האָט אָבגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט׳ן פּרעמיער ווענזעלאָס, וועלכער האָט איהם ערקלערט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד נאָכצוקומען די פּאָסטולאַטען פון דער יודישער קהלה אין סאַלאָניקי. דער פּרעמיער האָט ביי דער געלעגענהייט פערזיכערט, דאָס די יודישע קוריע איז איינגעאָרדנעט געוואָרען נאָר מיט׳ן צוועק צו ערמעגליכען די יודען צו האָבען זייערע פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט. די רעגירונג האָט ה׳ ווענזעלאָס ערקלערט, האָט נישט קיין שום גרונד אַרויסצוטרעטען געגען די רעכט פון די יודישע בירגער, וועמענס לאָיאַליטעט און פּאַטריאָטיזם שטעהען אויסער יעדען צווייפעל״.

——:O:——

אַ לאָנדאָנער אויסשטעלונג
פון אַרכעאָלאָגישע אַלטערטימליכקייטען אין דרום-פּאַלעסטינאַ

לאָנדאָן. (י.ט.א.) אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט איז נישט לאַנג געעפענט געוואָרען אַן׳אויסשטעלונג פון דער בריטישער אַרכעאָלאָגישער שולע אין עגיפּטען, וועלכע ציינט די רעזולטאַטען פון די אויסגראָבונגען אין דרום-טייל פון ארץ ישראל. די אויסגעגראָבענע אַלטערטימליכקייטען האָבן אַ זעהר גרויסע בעדייטונג. דרום-פּאַלעסטינאַ איז פאַר דער מלחמה זעהר ווייניג געווען בעקאַנט צוליב דער אומרוהיגער לאַגע אין יענע מקומות. ערשט זייט דער ענגלישער אָקופּאַציע איז געוואָרען צוגענגליך דער דאָזיגער לאַנד-טייל, וואו עס האָבן זיך אַמאָל געפינען צאָהלרייכע שטעט און ישובים. כמעט אַ העלפט פון די אַלטע מקומות פון יענער געגענד, וואָס ווערען דערמאָנט ביי יהושע זענען שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען ווי צ.ב. בית-פלט, וואו עס זענען פריהער רעשטלעך פון אַלע בוי פעריאָדען זייט אברהם אבינו ביז די רוימישע צייטען. די ביז-איצט אויסגעפאָרשטע בית-הקברות׳ער שטאַמען פון דער צייט פון יאָהר 1600 ביז 600 פאַר קריסטוס-געבורט. היות די דאָזיגע שטאָט איז איינגענומען געוואָרען דורך יהושע און איז שפּעטער געווען דער זיץ-אָרט פון דוד המלך׳ס לייב-גוואַרדיע און אין נחמיה׳ס צייטען איז זי ווידער איינגענומען געוואָרען, שפּיגעלט זיך אין איהר אָן אָהן הפסקה די געשיכטע פון דער יודישער קולטור אונטער די עגיפּטישע איינפלוסען.

די פלעקסנער-גרופּע קויפט ערד ביים חיפה׳ער ים-אויסגוס.

בערלין. (יט״אַ). דאָ וויילט איצט דער געוועזענער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ה׳ יוליוס סימאָן, וועלכער איז איצט דער פּאַלעסטינער פערטרעטער פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן“ (פּרעזידענט בערנאַרד פלעקסנער). ה׳ סימאָן וועט פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלכע געפינען זיך איצט אויך אין בערלין און מיט די פאָרשטעהער פון יודישען נאַציאָנאַל-פאָנד וועגען קויפען 25,000 דונאַם ערד אין געביט פון חיפה׳ער בוכט, וואָס געהערט צו דער געזעלשאַפט פאַר ענטוויקלען די חיפה׳ער בוכט (חיפה-ביי-דעוועלאָפּמענט-קאָמפּאַני). מען ערוואַרט, דאָס די קניה וועט דעפיניטיוו אָבגעשלאָסען ווערען אין הערבסט ה. י.

די „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק-קאָרפּאָריישן“ איז, ווי בעקאַנט געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1925 לויט׳ן בעשלוס פון דער אונפּאַרטייאישער פּאַלעסטינאַ-קאָנפערענץ אין ניו יאָרק. דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז געווען לואי מאַרשאַל, וועלכער איז וויצע-פּרעזידענט פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט. ה׳ פעליקס וואַרבורג איז מיטגליד פון דירעקטאָריום. דער פּרעזידענט פון דער פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק-קאָרפּאָריישן ה׳ בערנאַרד פלעקסנער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק ערקלערט, דאָס עס איז געוואונשען צו קויפען ערד ביי דער חיפה-בוכט, כדי די געזעלשאַפט זאָל קענען מיטווירקען ביי דער פיהרונג פון אַ געזונדער באָדען-פּאָליטיק אין ארץ-ישראל און ווירקזאַם בעקעמפען די שפּעקולאַציע פון ערד.

נייער רב-הכולל אין טוניס.

טוניס. (יט״אַ). דער גענעראַל-רעזידענט פון טוניס האָט אונטערגעשריבען דעם דעקרעט, לויט וועלכען הרב יוסף גועז ווערט בעשטימט אַלס רב-הכולל פון טוניס.

הרב יוסף גועז שטאַמט פון אַ בעקאַנטער היגער רבנישער משפחה.

11 יודען אַרעסטירט אין מיאַמי פאַר אַריינשמוגלען זיך פון קובאַ.

ניו-יאָרק (יט״אַ). דער „היאַס האָט בעקומען אַ טעלעגראַפישע מיטיילונג פון מיאַמי פלאָרידאַ, אַז דאָרט זענען אַרעסטירט געוואָרען 11 יודישע אימיגראַנטען אויף דער בעשולדיגונג, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעשמוגעלט פון קובאַ.

די אומגליקליכע אַרעסטירטע עמיגראַנטען, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פערפיהרען פון שמוגלערס טראָץ די פיל וואָרנונגען געגען אַזאַ ריזיקאַלישען אומגעזעצליכען שריט, זענען איצט אין געפאַהר צוריקגעשיקט צו ווערען נאָך די אייראָפּעאישע לענדער פון וועלכע זיי האָבן אויסגעוואַנדערט און נישט נאָך קובאַ פון וואַנען זיי האָבען זיך געשמוגעלט אין די פעראייניגטע שטאַטען.

ה׳ הערמאַן, דער פּרעזידענט פון „היאַס“ האָט זיך גלייך געשטעלט אין פערבינדונג מיט׳ן „היאַס“-אַדוואָקאַט אין וואַשינגטאָן איזידאָר הירשפעלד און איהם בעאויפטראַגט אָנצונעהמען די נויטיגע שריט צו העלפען די קרבנות פון די שמוגלערס.

יונה ראָזענפעלד אין בערלין.

בערלין, (יט״אַ). דאָ וויילט איצט דער בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און פובליציסט יונה ראָזענפעלד.

יוד. לאַנדווירטען פון בוקאָווינע
וועלען בעזעצט ווערען אויף „יק״אַ“-באָדען אין פראַנקרייך.

טשערנאָוויץ. (יט״אַ). אַ גרויסע צאָהל פון לאַנדווירטען אין בוקאָווינע, וועלכע האָבן צוליב דעם חורבן פון דער מלחמה נישט מעהר די מעגליכקייט זיך אומצוקעהרען צו דער לאַנדווירטשאַפט וועלען לויט אַ מעלדונג, וואָס איז דאָ דערהאַלטען געוואָרען פון דער „יק״אַ“ אין פּאַריז, בעזעצט ווערען אויף יק״אַ-באָדען אין פראַנקרייך.

גענעראַל-דירעקטאָר לואי אונגער
וועגען די יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע.

פּאַריז, (י.ט.א.) דאָ איז דערהאַלטען געוואָרען אַ ידיעה פון בוענאָס-איירעס, אַז דער גענעראַל-דירעקטאָר פון י.ק.א. ה׳ לואי אונגער האָט נאָר וואָס פערענדיגט זיין אינספּעקציע-רייזע איבער די יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע.

אין זיין בעריכט צום הויפּט-ביוראָ פון י.ק.א. דריקט זיך אויס דירעקטאָר ל. אונגער מיט גרויס בעפרידיגונג וועגען דעם ווירטשאַפטליכען און קולטורעלען צושטאַנד פון די יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. ער האָט בעזוכט די פעלד-ווירטשאַפטען, שולען, סינאַגאָגען, קאָאָפּעראַטיוו בענק א. א. וו. און האָט פעסטגעשטעלט אומעטום אַ פאָרטגעהענדע ענטוויקלונג. ה׳ אונגער האָט אויך ביינעוואוינט רעליגיעזע אונטערריכט-קורסען און האָט בעקומען דעם איינדרוק, דאָס די יודישע יוגענד אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס וויל בלייבען טריי די יודישע טראַדיציעס.

יודישע אַנטיילנעהמער
אין אַמסטערדאַמער אָלימפּיאַדע.

אַמסטערדאַם, (י.ט.א.) אין די היי-יעהריגע הויפּט-קאַמפּען פון ער אָלוועלטליכער אָלימפּיאַדע, וועלכע קומט פאָר אין אַמסטערדאַם פון 28-טען ביז׳ן 12-טען אויגוסט, וועלען זיך קענען בעטייליגען נאָר ווייניג יודישע ספּאָרטס-לייט. אין דער דייטשער מאַנשאַפט צו דער אָלימפּיאַדע איז נישטאָ קיין איין יוד, צווישען די עסטרייכישע שווימער געפינט זיך די פריי-סטיל-מייסטערין אויף 100 און 400 מעטער פריצי לעווי (הכח) און די מייסטערין פון ברוסטשווימען העדי בינענפעלד. מען רעכענט דאָס די ביידע שווימערינס וועלען פערנעהמען אָנגעזעהענע ערטער אין די שווים-קאַמפען.

דער וויכטיגסטער יודישער אַנטיילנעהמער פון דער אַמסטערדאַמער אָלימפּיאַדע איז אָבער, בלי-ספק, דער פינלענדישער יוד אליהו קאַץ, וועלכער ווערט בעטראַכט אַלס געפעהרליכער געגנער פון נורמי אין דעם 3000 מעטער-לויף.

לאָדז. (3 יולי 1928

„נייער פאָלקסבלאַט״

לאָדז. 30 יולי 1928

גיבען געלד און נעהמען־צו ציון.

די אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער יודי־שער וועלט איז געווענדעט אויף די ענינים, וואָס ווערען בעטראַכט איצט אויף דער זיצונג פון ציו־ניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט אין בערלין, דאָרט, וואו מען רינגט זיך מיט די אַמעריקאַנער געלד־זעק וועגען אַ טראָפּ אידעאַליזם אין דער גאולה־אידעע, וועגען אַ ברעקעלע ציוניזם אין דער ציו־ניסטישער אַרבייט.

דאָס איז דער טראַגיזם, פון דער אַמאָל מעכ־טיגער בעוועגונג, און —

דאָס, וואָס קומט פאָר איצט אין בערלין, אויף די זיצונגען פון גרויסען ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָדער, ווי מ'רופט עס, קליינעם קאָנגרעס, דערמאָהנט אין אַ געוויסען פרט די געשעהענישען אויפ'ן 6־טען און 7־טען ציוניסטישען קאָנגרעס, מיט איבער 20 יאָהר צוריק, בעת דער פערשטאָר־בענער הערצל, האָט געהאַט פערלוירען די האָ־פענונג צו קריגען ביים סולטאַן ארץ־ישראל און האָט געוואָלט אָפּקירעווען דעם ציוניזם קיין אוגאַנדע.

דעמאָלט איז געשאַפען געוואָרען אַ טערמין, וועלכער איז גיך נאָכדעם פערשוואונדען געוואָרען, יענע ציוניסטען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט וויסען פון אוגאַנדע, די אַזוי גערופענע „ניין זאָגערס״, האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען ציוני־ציון, ציוניס־טישע ציוניסטען, זייערע געגנערס, הייסט עס, זענען ציוניסטען אָהן ציון...

ס'איז געווען אַ טיפע טראַגעדיע פון ציוניסטען, וואָס מ'האָט ביי זיי צוגענומען ציון. היינט איז די טראַגעדיע אַנ'אַנדערע: מ'וויל צונעהמען ביי ציון די ציוניסטען. ציון זאָל בלייבען, נאָר זי זאָל אַרו־בערגעהן אין די הענד פון פראָפּאַגען, פון נישט גלויבינע, פון מענשען, וואָס דער עיקר, איז ביי זיי נישט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פאָלק.

און נאָך טיפער איז די טראַגעדיע, ווייל דע־מאָלט איז בראש פון דער בעוועגונג געשטאַנען טע־אָדאָר הערצל. אַ מענש, וואָס האָט אַליין אָנגעהוי־בען נישט מיט ציון, נאָר מיט סתם אַ יודען־לאַנד, נאָר די שטימונג פון די רוסיש־יודישע מאַסען האָ־בען איהם דערפיהרט ביז דעם בערג־לאַנד אין קליין אַזיען, און אַז די דאָזיגע מאַסען האָבען, ווייגענדיג, בעזאָגט אויף אוגאַנדע: „ניין״! האָט ער מיט זיי מיטגעווייגט און איז מיט זיי מיטגעגאַנגען, פונקט ווי משה איז מיטגעגאַנגען מיט די יודען אויף 40 יאָהר אין דער מדבר.

פּראָפ. ווייצמאַן אָבער, וועלכער פיהרט איצט אָן מיט דער ציוניסטישע בעוועגונג, איז אַ ציוניסט מיט זיין בלוט און מאַרך, ער האָט זיין גאַנצען לע־בען געווידמעט ציון, האָט אַרויסגעפיהרט די בעווע־גונג אויפ'ן שליאַך פון עפענטליכער פּאָליטיק און אַליין דער פיהרער, דער דיפּלאָמאַט און דער שנאָ־רער. און ער וויינט נישט מיט. ער שטעהט שטאָל און אייזען פאַר'ן פּלאַן פון אַריינלאָזען „פרעמדע״ אין היכל פון ציון.

ווער ווייס, וואָס ער לעבט איבער ביי דער דאָזיגער שווערער אָפּעראַציע! דיפּלאָמאַטען שווייגען געוועהנליך וועגען זייערע ווייטאָגען. אפשר בלוטיגט איהם זיין האַרץ, אָבער ער מוז האַלטען פאַסאָן, ווייל ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה, ער איז שוין פערמאַטערט בעטלענדיג ביי די אַמעריקאַנער געלד־זעק.

און צו וואָס לייקענען? די אָפּאָזיציע קען שוין היינט נישט, ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק אָנשפּאַרען זיך אויף די פּלייצעס פון'ם „גאַנצען יודישען פאָלק״. דאָס יודישע פאָלק איז צושפּליטערט אויף שפּענ־דעלעך. די דריי מיליאָן יודען פון רוסלאַנד זענען אָפּגעריסען פון ציון או (פון איטליכעם נאַציאָנאַלען געראַנק. די פיר מיליאָן יודען פון אַמעריקאַ בע־טראַכטען ציון בלויז פאַר אַנ'ענין פון פילאַנטראָפּיע. צוגלייך מיט קרים און ביראָ־בידזשאַן. די קליינע און צושטויבטע קיבוצים פון גאָר דער וועלט האָבען אַ קנאַפּע בערייטונג סיי אין פּאַסיווען, סיי אין אַק־טיווען זינען. בלייבט בלויז דאָס דריי מיליאָניגע פּוילישע יודענטום, וואָס איז צודריקט און דערשטיקט און ראַנגעלט זיך אין זיין אָרימקייט פאַר זיין טרוי־עריגער עקזיסטענץ.

ס'וועט גאָרנישט העלפען. היינטיגעס מאָל ווע־לען די „נייך־זאָגערס״ נישט אויספיהרען, זיי ווע־לען מוזען אָננעהמען די אויסגעשרעקטע אַמעריקאַנער האַנד. —

די האַנד, וועלכע וועט געבען געלד און צו־נעהמען ציון.

וו. ט.

די מאַסען ווילען שלום.

אויפ'ן פאָן פון דעם געפּלאַנטען אַנטי־מלחמה־אָפּמאַך.

דער קעלאָג־פּאַקט הויבט אָן צו ווערען אַ פאַקטאָר אי (פּאָליטישען לעבען פון אייראָפּאַ. זיי־נע הינטער כונות זענען נאַטירליך גאַנץ ווייט פון דער אָפיציעלער פאָרמול, אָבער שוין דער אומ־שטאַנד גופא, אַז אַ גאַנצע רייהע מלוכות נעהמען אָן איינצעלנע מאָמענטען פון איהם, זוכען אויס תירוצים, כדי נישט אָנצונעהמען אַנדערע, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון די מאַ־סען, מיט וועלכע די אָפיציעלע פּאָליטיקער מוזען זיך רעכענען.

די מאַסען זענען אויסגעמאַטערט און ווילען שלום, זיי בענקען נאָך רוה, ווייל זיי האָבען זיך נאָך נישט אויסגערוהט פון די קאַטאַסטראָפאַלע אויפטרייסלונגען, וועלכע זיי האָבען איבערגעלעבט אין די לעצטע יאָהרען.

אַנ'אַנדער ענין איז — אויף וויפיל דער קע־לאָג־פּאַקט וועט ווירקליך דערנעהנטערען די דאָזיגע לאַגע פו (אינטערנאַציאָנאַלען שלום. אָבער שטימונ־גען שאַפט עס. אונטערן צייכען פון די דאָזיגע שטימונגען געפינען זיך איצט די ווירטשאַפטליכע אונטערהאַנדלונגען צווישען פּוילען און דייטשלאַנד, וואָס ווערען איצט בעגייט.

דאָס לעבען געהט זיין וועג. די נאָך מלחמה'־דיגע פערהעלטענישען האָבען בולט'ער געמאַכט דעם אומשטאַנד, אַז אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל און פערקעהר מוז הערשען פרייהייט, אַז אַלע מאָמענטען, וואָס האַמעווען די בעציהונגען מוזען אָפּגעשאַפט ווערען. די מלוכות, וואָס זענען קאָנצענטרירט אַרום דער פעלקער־ליגע האָבען איינזעהענדיג אין דער־פיהלענדיג די לאַגע, זיך בעמיהט צו ווירקען אין דער ריכטונג פון אָפּשאַפען די פערבאָטען פון אַריין און אַרויס־פיהר, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין פערשידענע לענדער; רעגולירען דאָס רעכט פון בעזעצען זיך א. אַז. וו.

דאָס וואָס די פראַגען ווערען שוין בעהאַנדעלט און טיילווייז געלייזט אין אינטערנאַציאָנאַלען מאַס־שטאַב, מאַכט לייכטער פיל מאָמענטען פון'ם אָפּ־מאַך, בפרט, אַז פיירע צדדים, פּוילען און דייטש־לאַנד האָבען, בעת די ביז־איצטיגע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצען פערנומען אַ זעהר נאָהנטע פרינצי־פּיעלע שטעלונג אין פערשידענע ווירטשאַפטליכע פראַגען.

אויפ'ן פאָן פון די אונטערהאַנדלונגען אַרום דעם קעלאָג־פּאַקט, אַרום דעם אָפּמאַך נעגען מל־המות, ווען יעדער מלוכה, וואָס „נעהמט״ אָן דעם אָפּמאַך, זוכט אויס בעמערקונגען און קלויזולען, וועל־כע זאָלען איהר אויף אַ געוויסען וועג העלפען זיך אַרויסצודרייען פון די פערפליכטונגען פון דעם אָפּ־מאַך, אויפ'ן דאָזיגען פאָן איז אינטערעסאַנט צו בעצייכענען די לעצטע געשעהעני שען אין עסטרייך.

די פאָריגע וואָך איז אין ווין געפייערט גע־וואָרען דער יובילעאום פון'ם דייטשען קאָמפּאָזי־טאָר שובערט. ביז 200 טויזענד דייטשע זינגער פון אַלע עקען וועלט זענען געקומען צו די פייער־ונגען און האָבען אַגב בעת די דאָזיגע פייערונ־גען דעמאָנסטרירט זייער פערלאַנג, אַז עסטרייך זאָל אָנגעשלאָסען ווערען צו דייטשלאַנד.

די דאָזיגע טענדענץ פון „אַנשלוס״ האָט איהר געשיכטע און איהרע גרונדען פּאָליטישע און ווירט־שאַפטליכע.

עסטרייך איז אַמאָל געווען אַ גרויסע מלוכה, וואָס איהר ווירטשאַפט איז אין אַ גרויסער מאָס געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם דונאַי. איהרע פּאָ־ליטישע יורשים, וואָס האָבען זיך קאָנצענטרירט אַרום דער קליינער אַנטאַנט ווילען שאַפען אַ בלאָק, וואָס זאָל אויך ירש'ענען בשותפות איהרע ווירט־שאַפטליכע פּאָזיציעס. זאָל דער ווירטשאַפטליכער בלאָק געשעהען, וועט אין איהם די אויבערהאַנד בעקומען טשעכאָ־סלאָוואַקיען. און דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער אויסערן־מיניסטער אַרבייט מעשים, אונטערהאַנדעלט מיט די גרויסע, אַ טייל פון די עסטרייכישע פּאָליטיקער מיט'ן קאַנצלער זייפּעל בראש האָבען אַ געוויסע נייגונג צו דעם פּראָיעקטירטען ווירט־שאַפטליכען בלאָק פו (די דונאַי־מלוכות, די אַנדערע — זענען פאַר אַ פעראייניגונג מיט דייטשלאַנד.

די אייראָפּעאישע מלוכות — די זיגער — וע־נען נעגען דער דאָזיגער פעראייניגונג, ווי בכלל נעגען אַלעם, וואָס קען פערשטאַרקען דייטשלאַנד, הנם אָביעקטיוו פאַר דער בעפעלקערונג פון ביידע מלוכות — דייטשלאַנד און עסטרייך — איז די פער־איינינונג ווירטשאַפטליך, פּאָליטיש און נאַציאָנאַל זעהר נעוואונשען. די מאַסנעבענדע אין דער אייראָפּעאי־שער פּאָליטיק — פראַנקרייך און ענגלאַנד — וועלען דעריבער שטיצען די בעמיהונגען פון דער קליינער אַנטאַנט אַריינצוציהען עסטרייך אין דעם דונאַי־בלאָק און נישט דערלאָזען איהר פעראייניגונג מיט דייטשלאַנד.

די נאָכ'מלחמה'דיגע ווירטשאַפט האָט זיך אין אייראָפּע נאָך נישט סטאַביליזירט. אָבער דער אינ־סטינקטיווער דראַנג פון די גרויסע מאַסען איז דר־הינגע אַרבייט און נישט קיין מלחמות.

אויף דעם דאָזיגען וועג וועלען מוזען געהן די איצטיגע הערשער, כדי נישט אַרויסצורופען קיין נייע אויפטרייסלונגען.

ש.

ניו־יאָרק איז איצט א זינדיגע שטאָט.

ניו־יאָרק האָט איצט מעהר שכרות און אויסגעלאַסענקייט ווי זי האָט געהאַט מיט 20 יאָהר צוריק.

(אַ בריף פון אַמעריקאַ).

און ווידער אַמאָל האָט דער פּראָהיבישאַן געזעץ געכאַפּט אַ קלאַפּ. עס ווייזט זיך אַרויס, ווי גערעכט עס זענען געווען און זענען יענע, וואָס דערקלערען, אַז זינט דעם וואָלסטעד אַקט, דאָס הייסט, זינט מען האָט איינגעפיהרט אין אַמעריקאַ דעם פערבאָט אויף דעם פערקויף פון ליקער, איז די מאָראַל פון דער בעפעלקערונג געזונקען אַ סך מעהר, ווי פריהער און אָט איצט זענען די צייטונגען אַרויסגעקומען מיט אַ געשריי, אַז דאָרט, וואו די יונגער קלויבט זיך צוזאַמען פערברענגען די צייט אויף אַ לוסטיגען אופן, אַז דאָרט איז די מאָראַל זעהר און זעהר געזונקען. אַז מען טרינקט דאָרט דעם ביטערען טראָפּען נאָר אויף אַ גרויסען שטייגער. און נישט נאָר דאָס, צוזאַמען מיט דעם ווערען אויך אויסגע־נוצט די פרויען, כדי אַריינצושלעפּען די מענער אין דעם נעץ פון שיכרות און זנות.

די לעצטע יאָהרען איז אויפגעוואַקסען אַנ' אינסטיטוציע, וואָס איז בעקאַנט ברייט און ווייט אַלס די „ספּיק איזי״. דאָס איז אַנ'אָרט, וואו מען פערקויפט אָפען דעם ביטערען טראָפּען; וואו מען שיכור'ט נישט בעהאַלטענערהייט, ווייל די „ספּיק־איזי״ איז אַנ'אונלעגאַלע קערפּערשאַפט. די פּאָליציי טאָר פון דעם נישט וויסען, און אַזוי ווי עס איז אין שאָטען, טוט מען דאָרט זאַכען, וואָס זענען גאָר נישט אין דעם גייסט פון דער בעוועגונג, וואָס נעהט אָן, זינט אַ לאַנגער צייט, און דאָס איז צו רעפאָרמירען אונזער שטאָט, אַז מיר זאָלען זיך נישט דאַרפען שעהמען פאַר אַנ־דערע שטעט פון אונזער גרויסער רעפּובליק.

אַ מאַסען מאָרדען זענען בעגאַנגען געוואָרען אין די „ספּיק־איזי'ס״. ווייל אין די דאָזיגע ער־טער קלויבען זיך צוזאַמען, צווישען אַנדערע, אויך די אויסוואורפען פון אונזער געזעלשאַפט. די גענגס־טער, די ווייסע שקלאַפען־הענדלער און אַנדערע פון דער אונטער־וועלט.

און ווען אימיצער איז אין כעס אויף איי־נעם, ווען ער וויל זיך אָפּרעכענען מיט איהם, דאַן איז די „ספּיק־איזי״ דער בעסטער פּלאַץ פאַר דעם און מיר האָבען טאַקע אין די לעצטע פּאָר יאָהר געהאַט אַ סך מאָרדען אין די נאַכט־קלובען, וואָס זענען אין דער אמת'ן נעסטען פאַר אַלערליי פערברעכער.

איצט האָט מען אויסגעפונען, אַז נישט נאָר איז דאָס אַ פּלאַץ, וואו מען קומט טרינקען און פערברענגען די צייט אָנגענעהם, נאָר אַז די נאַכט־קלובען זענען געוואָרען אונאָפיציעלע אויסגעלאַ־סענע הייזער, אַז דאָרט קומען מענשען זוכען פערגעניגענס, וואָס זענען פערבאָטען פון געזעץ. דאָס איז אָפענע פּראָסטיטוציע, וואָס קומט פאָר אין די נאַכט־קלובען און אַז דאָרט ווערען אויס־געהאַלטען פרויען פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

דער געשריי אין דער פּרעסע האָט זיך אויפ־געהויבען אַ דאַנק אַ בעריכט פון דער קאָמי־טעט פון פערצעהן. דער בעריכט בעציהט זיך אויף דעם יאָהר 1927 און אָט וואָס עס ווערט דאָרט געזאָגט:

אין יעדען נאַכט־קלוב געפינען זיך פרויען, וואָס נעהמען אויף געסט. די אויפגאַבען פון די דאָזיגע דאַמען איז, אַז די געסט זאָלען וואָס מעהר טרינקען, וואָס מעהר געלד איבערלאָזען אין די קעשענעס פון די איינגענטימער און אַז דאָ איז געשאַפען געוואָרען די זעלבע לאַגע, וואָס מיר געפינען אין יאַפּאַן.

די דאַמע, וואָס נעהמט אויף די געסט און זעהט, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאַנגווייליגען, פער־נעהמט דאָ דעם זעלבען אָרט, וואָס עס פער־נעהמט די „גיישאַ״ אין יאַפּאַן. פּונקט ווי יענע, אַזוי אויך די, מוז זעהן, אַז די געסט זאָלען זיך נישט לאַנגווייליגען, אַז זיי זאָלען טרינקען וואָס מעהר און עסען די טייערסטע מאכלים. אויך אויף דער אַמעריקאַנער „גיישאַ״ ליגט דער חוב צו זעהן, אַז די, וואָס געפינען זיך אין דעם פּלאַץ, זאָלען זיין צופרידען אין אַלע הינזיכטען מאָראַ־ליש, ווי פיזיש, דאָס הייסט, אַז אַלע פערלאַנגען פון די געסט זאָלען בעפרידיגט ווערען.

די אַלע, וואָס געדענקען די אַלטע גוטע צייטען, וועלען זיך אויך דערמאָהנען, אַז ווען געהיימע שענקען זענען נאָך געווען אין רעכטען בליהען, האָבען זיך דאָרט געפונען דאַמען, וואָס פלעגען זוכען די בעקאַנטשאַפט פון די מענער און דער ציל איז געווען, אַז זיי זאָלען מאַכען די בעך־זוכער אויסצוגעבען וואָס מעהר געלד. ווייל די דאַמע האָט גענומען קאָמי פון דעם באַר און עס איז געווען אין איהרע אינטערעסען, אַז מען זאָל זיך לאָזען וואויל געהן אויף איהר חשבון.

איצט זענען אָבער די צייטען אַנדערע. נישט־טאָ די שענק און נישטאָ די באַר. נאָר אָנשטאָט וואָס די אַמאָליגע דאַמע האָט געהאַנדעלט אָפען, וואָס זי איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אונטער די בליקען פון די געזעץ־היטער, איז די איצטיגע דאַמע אין דעם נאַכט־קלוב, אָדער „ספּיק־איזי״, אַ פרייער פויגעל. זי האָט נישט קיין פעראַנטוואָרט־ליכקייט פאַר קיינעם. זי שטעהט אויסערן געזעץ און זי קאָן האַנדלען, ווי זי וויל.

די אַמאָליגע שענקען זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער שטאָט. די פּאָליציי האָט שוין געוועהן, אַז עס זאָל זיך דאָרט פיהרען אַנ־שטענדיג. איצט איז אָבער מיט דער „ספּיק־איזי״ אַנדערש. דאָרט איז אַ פרייע וועלט. דאָרט דרינגט נישט אַריין קיין פרעמדע אויג. עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אויף זיי אַכטונג געבען, ווייל אָפיציעל דאַרף קיינער פון זיי נישט וויסען און דער רעזולטאַט איז, אַז עס האָבען זיך נעפּער־פּענט פיל „ספּיק־איזי'ס״: און [illegible] איז פאַר־האַן אַ גרויסע צאָהל נאַכט־קלובען.

דאָרט וואו די יונגער געפינט שעהנע פרויען, וואָס וועלען זיי אַמוזירען, דאָרט געהען זיי גאַנץ גערן, און עס איז אָפט נישט דער פערלאַנג צו טרינקען ליקער, ווי די געזעלשאַפט פון פרויען און דערפאַר זוכען די אייגענטימער וואָס שעהנע־רע פרויען אַריינצוקריגען אין זייערע אַמוזירונגס־פּלעצער. אַזוי ווערט עס געטאָן אין אַלע ערטער און אַזוי פּאַסירט עס אויך אין ניו־יאָרק.

די נאָכפראַגע אויף פרויען איז געווען אַזאַ שטאַרקע דעם לעצטען יאָהר, מעלדעט דער בע־ריכט פון דער קאָמיטעט, אַז מען האָט פונאַנדער־געשיקט אַגענטען, וואָס זאָלען פאַר זיי געפינען די פּאַסיגע פרויען, וואָס וועלען זיי ברענגען גוטע געשעפטען, מאַנכע האָבען אַפילו געפּרובט אַנאָנ־סירען אין די צייטונגען. אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען. נאָר איין אילוסטרירטע צייטונג האָט אַריינגענומען דעם סאָרט אַנאָנסען פאַר פרויען אין די נאַכט־קלובען, אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פּרעסע האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון דעם, האָט זיך אָבער די נאַכט־קלובען דאָך איינ־געגעבען צו קריגען שעהנע מיידלעך.

עס זענען פערהאַן אַ סך טאַנץ־פּלעצער ביי אונז, וואו יונגעלייט קומען זיך צוזאַמען מיט פרויען פערברענגען די צייט אין טאַנצען און אַהינקומען אָפט אַגענטען פון די נאַכט־קלובען, כדי צו קריגען שעהנע מיידלעך, וואָס זאָלען זיך פּאַסען פאַר די „ספּיק־איזי'ס״.

און אויך פון אַנדערע שטעט ווערען אַהער געבראַכט יונגע פרויען. מ'האָט אויסגעפונען, אַז אַ היבשע צאָהל קומט פון טראָי און אַלבאַני. וואו האַלב־אָפיציעלע נאַכט־קלובען געפינען זיך שוין פון לאַנג און וואו דער בעסערער קלאַס קומט זיך צוזאַמען פערברענגען די צייט. עס קומען אַגענטען פון ניו־יאָרק אין די דאָזיגע ערטער. כדי צו קריגען די „לעבעדיגע סחורה״ פאַר זייערע קלובען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די פרויען, וואָס ווע־רען רעקרוטירט אַהער אין שטאָט, כדי צו דינען אַלס אָנציהענדער מיטעל פאַר די געסט אין די נאַכט־קלובען, זענען נישט קיין גרויסע צניעות, און אין זייער יאָגען זיך נאָך געלד, שטעלען זיי זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך. מען האָט אויסגעפונען אַז סעקסועלע פערברעכענס זענען מורא'דיג פער־מעהרט געוואָרען אַ דאַנק אָט די ערטער. עס ווערט פערזיכערט, אַז אַפילו אין די ערנסטע צייטען און די לאַגע נישט געווען אַזוי טרויעריג ווי איצט, זינט דער פּראָהיבישאַן־געזעץ איז אַריין אין קראַפט.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די פּאָליציי און די רעפאָרמער האָבען זיך גענומען צו די האָטעלס, ווען עס איז בעוואוסט געוואָרען, אַז זיי ווערען אויסגענוצט אַלס פּלאַץ פאַר זינד און פערברעכען. דאַן איז עס לייכטער געווען צו בעקעמפען, ווייל די צאָהל פון די האָטעלס איז געווען בעוואוסט און די פּאָליציי האָט זיי געקאָנט לייכט קאָנטראָ־לירען.

די „ספּיק־איזי'ס״ קאָן מען נישט קאָנטראָ־לירען. די וואָס מאַכען פון דעם אַ ביזנעס און יענע וואָס מאַכען אַ לעבען פון דעם, זענען פרייע מענשען. זיי קאָנען האַנדלען ווי זייער האַרץ גלוסט,

([illegible]רע — זעה 5־טע זייט)

Dr. med. H. NADEL

Piotrkowska 17, tel. 68-86

ספּעציאַליסט פון אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעמט אָן פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג.

נייער
פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזשער לעבען

נייער
פאָלקסבלאַט

30
מאָנטאָג
—
יג
אב תרפ"ח

יולי
זון-אויפגאַנג 3.53
זון-אונטערגאַנג 7.33

קליינקייטן.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון פּאָסט.

קלאָגט זיך פאַר מיר אַ יוד אַ בעל-מלאכה, וואָס ער און זיין ווייב אַרבייטען שווער אַ גאַנצע וואָך כדי אַרויסצוברענגען די חיונה. עס קלעקט אָבער נישט אויף אַלץ, האָבען זיי זיך דורכגעשריבען מיט פאַמיליע אין אַמעריקאַ און גאָט צו דאַנקען ס'איז פאַר זיי אָנגעקומען דורך דער פּאָסט 5 דאָלאַר. האָט אינטערן וואָך דער פּאָסט-בעאַמטער געבראַכט דאָס געלד אין שטוב איז קיינער אין דערהיים נישט געווען צו צונעהמען, דאַרף ער געהען אויף דער פּאָסט דאָס געלד צו קריגען און דער איינציגער פרייער טאָג, וואָס ער וואָלט געקאָנט געהען אויף דער פּאָסט איז — זונטאָג און זונטאָג איז טאַקע אָפען די פּאָסט פון ניין ביז עלף אַ זייגער, ווי אויף צו להכעיס אָבער ווערען זונטאָג אויף דער פּאָסט אַלע אָפּעראַציעס געמאַכט אַ חוץ געלד-אָנווייזונגען נישט מ'נעהמט אָן און נישט מ'גיט אַרויס.

און דער זעלביגער יוד דערצעהלט ווייטער: „זיינער אַ שכן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט, וואָס זיין פרייער טאָג איז אויך נאָר זונטאָג און ער וויל אונטערשטיצען מיט אַ פּאָר גילדען זיינע אַן אָרימע קרובה אויפ'ן פּראָווינץ, און קאָן דאָס נישט טון אויך צוליב דעם זעלביגען טעם, ווייל זונטאָג נעהמט נישט אָן די פּאָסט קיין געלד-אָנווייזונגען.

היתכן, — פרעגט מיר דער יוד — אויב, אַז מ'האָט שוין יאָ מתקן געווען, אַז די פּאָסט זאָל זונטאָג אָפען זיין, צוויי שעה, האָט מען דאָך דאָס געוויס אין זינען געהאַט די אונבעמיטעלטע בעפעלקערונג וואָס האָבען נאָר צייט צו ערלעדיגען זייערע פּריוואַט-אַנגעלעגענהייטען אום זונטאָג זאָל מען אָן אַזאַ וויכטיגע זאַך ווי געלד-איבערווייזונגען נישט געדענקען?

אפשר, — פרעגט מיר דער יוד דאַרף מען דערויף אויפמערקזאַם מאַכען? זיי מיינען דאָך אוודאי צו גוטען.

שאַ.

——:o:——

דער קאָנפליקט צווישען קראַנקען-קאַסע און פאַרמאַצעווטען דויערט נאָך.

אונזער וואַרשאָווער קאָרעספּאָנדענט גיט אונז איבער פאָלגענדע ידיעות וועגען דער ליקווידאַציע פון פאַרמאַצעווטען-שטרייק אין לאָדז:

עס ווייזט זיך אַרויס אַז דאָס אַרבעטס-מיניסטעריום ווי אויך דער אינערן מיניסטער גען. סקלאַדקאָווסקי האָבען געמאַכט אַ דרוק אויף ביידע צדדים, אַז זיי זאָלען פאַר יעדען פּרייז ערלעדיגען דעם סכסוך. קודם-כל האָבען די רעגירונגס-פאָרשטעהער ערקלערט, אַז די קראַנקען-קאַסע מוז תיכף צוריקציהען די „פאָרמולען" אויף פאַרטיגע מעדיצינען ערשטענס ווייל עס איז קיין עפּידעמיע נישטאָ, צווייטענס ווייל אויף דעם דאַרף די קראַנקען-קאַסע בעקומען אַ ספּעציעלע ערלויבניש און, אַז זי וועט זיך וועגען דעם ווענדען וועט דאַן דער געזונדהייטס-דעפּאַרטאַמענט ערשט דעצידירען, וועלכע מעדיצינען מ'קען מאַכען אויף לאַגער, צווייטענס האָט מען אויך אָנערקענט פּרינציפּיעל פאַר גערעכט די פאָדערונג פון די פאַרמאַצעווטען פאַר'ן בעצאָהלען פאַר די צייט פון דער אַקציע. די גרויס וועט בעשטימען אַ רעגירונגס-אַרביטראַזש. דער זעלבער אַרביטראַזש וועט אויך ערלעדיגען די אַזוי גערופענע „האָנאָראַרווע" פראַגען, ווי אָפּרופען פון ביידע צדדים איינגע עפענטליכע קאָמוניקאַטען.

ווייטער האָבען די פאָרשטעהער פון דער קראַנקען-קאַסע געמוזט פערזיכערען, אַז קיינע רעצעפּטען וועלען זיי נישט אַרויסווייזען לגבי די מיטגלידער פון שטרייק-קאָמיטעט, און אַז אַלע טרעטען צו דער אַרבעט אויף דעם סיסטעם און בעדינגונגען ווי ס'איז געווען ביז'ן קאָנפליקט.

ס'איז כדאַי צו בעמערקען, אַז אַלע ווילע פּלעגען די מיניסטאָרען טעלעפאָניש אָנפרעגען וואָס עס הערט זיך אויף דער קאָנפערענץ.

* * *

ווי מיר ווערען געוואויר האָבען די פאַרמאַצעווטען, וועלכע האָבען נאָך ביז היינט נישט בעקומען זייערע פּענסיעס פאַר יוני אָנגעקלאָגט אין געריכט די קראַנקען-קאַסע, דער פּראָצעס איז שוין בעשטימט אויפ'ן 13-טען אויגוסט. איצט האָט די קראַנקען-קאַסע דורך אַ רעיענט געענטפערט יעדען פאַרמאַצעווט בעזונדער, אַז זיי צאָהלען נישט דערפאַר, ווייל דער שטרייק האָט געבראַכט דער קר. קאַסע קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שאָדענס. די קראַנקען-קאַסע קען, ווי מיר ווערען געוואויר נישט דערלאָזען צו דעם פּראָצעס ווען זי זאָל דעקען די קאָסטען, וואָס זענען מיט דעם פערבינדען. און ווי מיר רעכענען וואָלטען די פאַרמאַצעווטען איצט נאָכ'ן ליקווידירען דעם עצם סכסוך אויך דערויף איינגעגאַנגען.

פון 1 יאַנואַר אָן זאָל דאָס דירה-געלד וואַלאָריזירט ווערען.

מיר האָבען שוין אַמאָל געהאַט געשריבען וועגען דעם פּראָיעקט, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט אין פינאַנץ-מיניסטעריום וועגען וואַלאָריזירען דאָס דירה-געלד. אייניגע חדשים איז מיט דעם ענין שטיל געווען. די פינאַנץ מאַכט האָט געזוכט פערשידענע קאָמבינאַציעס, ווי אַזוי צו געפינען אַ קוואַל פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז נויטיג דער מלוכה אויף פונאַנדערבויען די שטעט.

צווישען אַנדערע פּלענער, איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע, וועגען וואַלאָריזירען דאָס דירה-געלד.

עס פּראָיעקטירט זיך צו וואַלאָריזירען דאָס דירה געלט לויט'ן קורס פון גאָלד-זלאָטי, ד. ה. אַז דאָס דירה געלד, וועלכעס האָט דערגרייכט ביז 100 פּראָצענט לויט'ן וואַלאָריזאַציע געזעץ, זאָל בעטרעפען $172_{0}/^{0}$. די דאָזיגע הוספה פון 72 פּר. וואָלט יעדער הויז-אייגענטימער געמוזט אַריינטראָגען אין דער מלוכה'שער קאַסע, און אויף אַזאַ אופן וואָלט געשאַפען געוואָרען דער גרויסער פונאַנדערבויאונגס-פאָנד. לויט די פּראָוויזאָרישע אויסרעכנונגען קאָן אַזאַ העכערונג געבען יעהרליך פון 300 ביז 400 מיליאָן זל.

די הוספה פּראָיעקטירט זיך, זאָל איינגעפיהרט ווערען נישט מיטאַמאָל, נאָר שטופּענווייז — 5 פּראָצענט יעדען קוואַרטאַל. וואָס איז שייך דעם וואוינונגס שטייער, וואָלט ער צוליב דער הוספה נישט געשטיגען, ווייל ער ווערט גענומען פון דירה געלט, וואָס פליסט אַריין פון הויזווירט.

לויט'ן פּראָיעקט, וועלכער וועט דאַרפען זעלבסטפערשטענדליך בעקומען די הסכמה פון די פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטאַנצען, זאָל דער וואוקס פון דער הוספה אָנהויבען זיך שוין פונ'ם 1. יאַנואַר 1929 אָן. אינ'ם ערשטען יאָהר רעכענט מען צו בעקומען אַ קאַפּיטאַל פון בערך פינף און זיבעציג מיליאָן זלאָטעס.

עס ווערט אויסגערעכענט, אַז די וואַלאָריזאַציע פונ'ם דירה-געלד וועט נישט אייביג בלייבען. מען רעכענט, אַז אין משך פון אַכט ביז 10 יאָהר זאָל די פראַגע פון דירה-געלד געלעזט ווערען. וועגען דעם גאַנצען ענין וועלען אינגיכען זיך אָנהויבען צווישען-מיניסטעריעלע קאָנפערענצען.

עס פּראָיעקט זיך אויך פאַראַנדערצושיקען אַן אַנקעטע צו פערשידענע גרעסערע זעלבסטפערוואַלטונגען און ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלען זיך וועגען דער דאָזיגער פראַגע אַרויסזאָגען, און פון 1-טען יאַנואַר זאָל דאָס איינגעפיהרט ווערען אין לעבען.

פון קהלה.

א בריף פון שטאָטישען סטאַראָסטע וועגען ידיעות — אָהן-פּראָצענטיגע הלואות-קאַסע — סאָציאַלע הילף

דער פּרעזעס פון קהלה-ראַט סענאַטאָר בודזינער האָט בעקומען צוגעשיקט אַ בריף פון שטעטישען סטאַראָסטע זשעמינסקי. אינ'ם דאָזיגען בריף ווערט דער פּרעזעס פון קהלה-ראַט אויפגעפאָדערט, אַז ביז צום 20. אויגוסט זאָל דער קהלה-ראַט צושטעלען אַ בודזשעט פון דער יודישער קהלה. אויב ביז צום אָנגעוויזענעם טערמין וועט דער בודזשעט דורכ'ן קהלה-ראַט נישט אָנגענומען ווערען, וועט דער סטאַראָסטע אַלס קהלה-בודזשעט בעטראַכטען דעם בודזשעט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דורך דער קהלה-פערוואַלטונג און וועט איהם איבערשיקען ווייטער אויף צו בעשטעטיגען.

אַן אָפּשריפט פון דעם בריף איז אויך צוגעשיקט געוואָרען דער קהלה-פערוואַלטונג.

דער פּרעזעס פון קהלה-ראַט סענאַטאָר בודזינער האָט געענטפערט דעם שטעטישען סטאַראָסטע מיט אַ בריף. אינ'ם ענטפער-בריף ווערט מיטגעטיילט, אַז דער פּרעזעס האָט דעם בודזשעט פון קהלה-פערוואַלטונג איבערגעשיקט צו דער בודזשעט-קאָמיסיע ביי דעם קהלה-ראַט. צוליב דעם, וואָס אינ'ם בודזשעט זענען פאַראַן פיל נייע פּאָזיציעס מיט וועלכע דער ראַט דאַרף זיך בעקענען, וועט דאָס בעהאַנדלען דעס בודזשעט דאַרפען פערנעהמען מעהר צייט. אגב צוליב דעם, וואָס פיל מיטגלידער פונ'ם ראַט געפינען זיך איצט אין אורלויב וועט דער בודזשעט קענען בעהאַנדעלט ווערען אויף אַ זיצונג פון קהלה-ראַט ערשט אין סעפּטעמבער.

* * *

פרייטאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פערוואַלטונג פון דער אָהן-פּראָצענטיגער הלואה-קאַסע ביי דער יודישער קהלה.

די פערוואַלטונג פון קאַסע האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענדען אופן: פּרעזעס — ה' מינצבערג, וויצע פּרעזעס — אדוו. ווייצמאַן, קאַסירער ה' נחמן שוואַרץ. נאָכדעם זענען בעטראַכט געוואָרען אַלע איינגעפלאָסענע בקשות וועגען הלואות פון די צירקאַ 100 בקשות זענען בעריקזיכטיגט געוואָרען 40 אויף סומעס פון 100 ביז 300 זלאָטעס מיט נערמינגן ביז 9 חדשים, אויסצוצאָהלען אין חודש'ליגע ראַטעס.

דאָזאָר ציטרינאָווסקי האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די גמילת חסדים-קאַסע זאָל אַרויסגעבען הלואות אויך פאַר אַרבייטער אין אָנגעשטעלטע אין, אַז אין דעם זין זאָל אויך געענדערט ווערען דער סטאַטוט.

דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

פרייטאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער סאָציאַלער הילפס-קאָמיסיע. ס'זענען בעטראַכט געוואָרען אַלע ווערבונגען נאָך שפּיצע בוואַמען ביז 200. ס'זענען אַסיגנירט געוואָרען אויפ'ן חודש אויגוסט 5.000 זל. צו ערלעדיגען די דאָזיגע בקשות.

קאַנאַליזאַציע-אַרבייטער.

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען פון 1-טען אָקטאָבער אָן אָנהויבען צו אַרבייטען די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטען (אויפ'ן שטח פון סקווראָווע, פּיראַמאָוויטשאַ, קילינסקיעגאָ, פון נאַרוטאָוויטשאַ ביז צעגעלניאַנאַ) די 150 פלאַנטאַציע אַרבייטער, וועלכע זענען איבערגעטראָגען געוואָרען צו דער קאַנאַליזאַציע-אַרבייט, אונטער דער לייטונג פון אינזש. גאָווינסקי.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבען די איבעריגע קאַנאַליזאַציע-אַרבייטער אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג אויסצוגלייכען זייערע שכירות, מיט די שכירות פון די פריש-צוגעקומענע אַרבייטער, וועלכע בעקומען זייער פּר הצרדיגע שכירות פון די פלאַנטאַציע-אַרבייטען אין דער הויך פון 7 זל. מיט 75 גראָשען אַ טאָג, בעת די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטער פערדינען בלויז פון 6,80 ביז 7,29 אַ טאָג.

אויסערדעם שטעלען די קאַנאַליזאַציע אַרבייטער אַרויס אַ הוספה-פאָדערונג פון 15 פּראָצענט, וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט אַקצעפּטירט פאַר די בוי-אַרבייטער, וועלכע זענען אויך נישט מעהר, ווי סעזאָן-אַרבייטער.

——:o:——

די לאַגע אויפ'ן תבואה-מאַרק.

(—) דער מעהל און תבואה-מאַרק איז אין דער פערגאַנגענער וואָך געשטאַנען אונטער אַ צייכען פון אַבסאָלוטען שטילשטאַנד צוליב די זעהר קליינע צאָהל פאָדערונגען, וואָס זענען אויף די אַרטיקלען איינגעפלאָסען מצד דער קליענטעלע. כאָטש די פּרייזען פון די דערמאָנטע אַרטיקלען זענען לעצטענס געשטיגען, דאָך צוליב דער קליינער צאָהל פאָדערונגען, האָבען זיך די שטייגערונגען גאָרנישט אָנגעזעהען.

די סיבה פון דער קליינער פּרעקווענץ ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אייניגע מיהלען זענען צוליב רעמאָנט נישט טעטיג, ווי אויך צוליב דעם, וואָס די סוחרים האַלטען זיך אָפּ פון קויפען, ווייל זיי רעכענען, אַז נאָכ'ן שניט, וועלען די פּרייזען בילינער ווערען.

קאָרן איז פאַר דער לעצטער וואָך געקויפט געוואָרען אין אַ זעהר קליינער צאָהל און דאָס אויך נאָר אויף באַלדיגע פערברויכונג. די פּרייזען זענען נאָטירט געוואָרען נישט אומעטום גלייך.

אויף ווייץ איז איינגאַנצען קיין אָנפרעגען נישט אָנגעקומען.

פון גערשטען-קאַשע זענען נאָר צושטאַנד געקומען אין דער פערגאַנגענער וואָך, די טראַנזאַקציעס, וועלכע זענען שוין לאַנג געשלאָסען געוואָרען. דאַגעגען זענען קיין פרישע אויפפאָדערונגען אויף גערשטען-קאַשע נישט אָנגעקומען.

סתם גערשט איז אין דער פערגאַנגענער וואָך גאָרנישט געקומען אין בעטראַכט דאַגעגען איז אויף האָבער יאָ געווען אַ נאָכפראַגע.

קאָרן-קלייען פון 65 פּראָצענטיגען אויסמאַהלונג, האָבען אויפ'ן תבואה-מאַרק אויסגעפעהלט. דאַגעגען האָט אויפ'ן מאַרק פון ווייצענע קלייען געהערשט אַ שטילשטאַנד.

אין די פּרייזען פון מעהל איז אין דער פערגאַנגענער וואָך קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען.

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ווי מען טיילט אונז מיט, וועט פון היינט אָן, **דער ציוניסטישער פרנס, ה' א. י. ברזשעזשינסקי, אויפנעהמען אינטערעסאַנטען אין קהלה-אַנגעלעגענהייטען, פאָרשטעהער פון אינסטיטוציעס ווי אויך פּריוואַטע פּערזאָנען, טעגליך (אויסער שבת און זונטאָג) פון 3 ביז 4 נאָכמ. אין ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4).**

צום זומער-סעזאָן
— קויפט איהר —
אַמביליגסטען
אָרטיגע און אויסלענדישע
קאָסמעטיק,
פּערפומען,
כעמיקאַליען
די פרישטע מינעראַל-וואַסערן
אין אַפּטייק-סקלאַר פון
מאַגיסטער-פאַרמאַציע
K. Stock
19 Zawadzka 19
Telefon 41-02.

אַכטונג!
ספּעציעל פאַר אַפּרייזענדע
אין דאָרף!
בעזאָרגט אייך ביי אייער אָפּרייזע מיט אַ שאַכטעלע, וואָס ענטהאַלט נויטיגע מיטלען אַלס שנעל-הילף, ווי: יאָדינע, וואַטע, וואַלעריאַן-טראָפּען א. ז. וו. דער פּרייז פון די שנעל-הילף-שאַכטעלעך איז פון 2 זל. אָן.

דער׳הרג׳עט זייז שוואגער.
דער מערדער איז ארעסטירט.

(–) מיט א יאהר-צוריק האט דער 22 י׳ ה רינער פעליקס ספיכאלא פון דארף לובאטא הינטער קאליש חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון ארטיגען רייכען לאנדווירט קראוטשיק, מיט וועלכער ער האט זעהר גוט געלעבט, ווי אויך איז די בעציהונג זיינע צום ווייב׳ס משפחה געווען אנ׳אמת אידעאלע.

ספיכאלא האט אפט זיין שווער צוגעהאלפען אין דער ווירטשאפטליכער ארבייט און מיט דער שוועסטער׳ס ברודער איז ער געווען אמת׳ע ידידים.

מיט א פאר-וואכען צוריק איז דער אלטער קראוטשיק שווער-קראנק געווארען און איבערלאזענדיג א צוואה אין וועלכער ער האט דאס לאנד מיט דער ווירטשאפט פערשריבען דעם זוהן און 1,500 זל. געלד – דעם איידעם, איז ער געשטארבען,

ספיכאלא, געוואהר ווערענדיג, אז דאס פערמעגען איז איבערגעגאנגען צו זיין שוואגער, האט ער בעשלאסען איהם צו דער׳הרג׳ענען, כדי דאס פערמעגען זאל איבערגעהן צו איהם.

פערגאנגענעם מיטוואך, ארום 11 א זייגער ביינאכט איז ספיכאלא געגאנגען צו זיין שוואגער און האט איהם פארבעטען צו זיך, וואו ס׳האט געזאלט פארקומען א פאמיליען-בעראטונג, און געפונענדיג זיך מיט איהם אין גארטען האט ער איהם דערשאסען.

אויף די שאסען איז אנגעקומען צו לויפען ספיכאלא׳ס פרוי, וועלכע דערזעהענדיג איהר ברודער א דערשאסענעם, האט זי אנגעהויבען שרייען.

ספיכאלא אבער האט איהר, דראהענדיג מיט׳ן רעוואלווער, געהייסען שווייגען און ברענגען א אייזען, וועלכען ער האט דעם טויטען קראוטשיק אריינגעשטיפט אין האנד, כדי אז עס זאל אויסזעהען, ווי ער איז אויף איהם אנגעפאלען און ער האט זיך געמוזט ווערען.

די פרוי זיינע, וועלכע האט מורא געהאט, אז אויב זי וועט זיך אקייגענשטעלען, וועט ער זי אויך דערשיסען, האט שטילערהייט אלס אויסגעפאלגט.

ספיכאלא האט דאן איינגעשפאנט דעם וואגען און געפאהרען אין פאליציי אריין, וואו ער האט דערצעהלט, אז צוליב דעם, וואס דער שוואגער איז אויף איהם אנגעפאלען, האט ער ווערענדיג זיך, איהם דערשאסען. אזוי האט אויך געזאגט די פרוי.

מיט׳ן מאמענט אבער, ווען פאליציי האט איהם ארויסגענומען דעם רעוואלווער פון האנד האט זי אויסגעזאגט דעם גאנצען אמת.

ספיכאלא איז ארעסטירט געווארען און איינגעזעצט אין כורקער ארעסט.

די האנדעלס-קאמער.

אין פרייטאגדיגען „מאניטאר פאלסקי" איז ערשינען א פעראָרדנונג פון האנדעלס - מיניסטער וועגען דער האנדעלס-קאמער אין לאדז. די האנדעלס-קאמער וועט בעשטעהן פון 60 געוועהלטע מיטגלידער און 6 בעשטימטע דורכ׳ן האנדעלס-מיניסטער. די האנדעלס-קאמער קען אויך צוקאָאפּטירען 6 מיטגלידער.

די קאמער וועט בעשטעהן פון 2 סעקציעס, יעדע צו 30 מאן.

אלס וואהל-קאמיסאר איז בעשטימט געווארען דער לייטער פון אינדוסטרי - אמט ביי דער וואיעוואודזטווע אינזש. בייער.

אין די אפטייקען
היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(2) ג. אנטאניעוויטש (זאביאניצקא 50), ק. כאנזשינסקי (פיעטריקאווער 164), וו. סאקאלעווימש (פשעיאזד 19), ה. רעמבעלינסקי (אנדזשעיא 28), י. זונדעלעוויטש (פיעטריקאווער 25), מ. קאספערקעוויטש (זגערזשער 54), און כ. טראקאווסקא (בזשעזשינער 56).

פערזענליכעס.

(ב) היינט הויבט אן זיין אורלויב דער פאליציי-קאמענדאנט, אויבערקאמיסאר איזאדארטשיק. איהם וועט פערטרעטען אויבערקאמיסאר ווייער.

צוריקגעקומען פון א קאלאניע.

(–) נעכטען, 8 א זייגער אין אווענד איז צוריקגעקומען פון דער קאלאניע סוואלטשעוויצע, הינטער טאמאשאוו די צווייטע אבטיילונג פון היגען „השומר-הצעיר" „אבירים".

א שרפה.

(–) נעכטען 11 אין אווענד איז אויסגעבראכען א שרפה אויף פאדזשעטשנא 27, וואו ס׳האבען זיך אנגעצונדען שמאטעס.

די שרפה איז תיכף אויסגעלאשען געווארען.

משה יעקב האניגמאן ז״ל.

(–) מיט איינינע טאג צוריק איז אין אונזער שטאדט געשטארבען איינער פון די פאפולערסטע פערזענליכקייטען ר׳ משה יעקב האניגמאן (בדחן), א זוהן פון דעם בעריהמטען ר׳ אשר בדחן ז״ל.

דער פערשטארבענער האט א דאנק זיין אויסערגעוועהנליכען טאלענט פרעהליך געמאכט יודישע הערצער אויף יודישע שמחות, און מחמת דעם איז ער זעהר פאפולער און בעליעבט געווען, ביי דער היגער, יודישער בעפעלקערונג. ת.נ.צ.ב.ה.

בעריכטיגונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דערצעהלונג וואס איז געווען געדרוקט אין פרייטאג׳דיגען נומער פון נ. פאלקסבלאט א.נ. „אברהמ׳ל מלמד" מאכען מיר אויפמערקזאם, אז דאס וואס ווערט דארט דערצעהלט האט נישט קיין שום שיכות מיט ה׳ אברהם נח ליפשיק פון פולנאצנא 11. ה׳ אברהם נח ליפשיק, איז מלמד אין לאדז זייט איינינע און דרייסיג יאהר און צווישען זיינע תלמידים זענען געווען פיל לאדזער אנגעזעהענע בירגער.

Dr. RACHELA LEWI
ספעצ. פאר קינדער-קראנקהייטען
פאנסקא 24, טעל. 42-72
נעמט אן פון 2 ביז 4 נאכמיטאג.

די מורא׳דיגע שרפה אויף ציגעל-גאס 81

(ענדע פון דער 1-טער זייט)

ארויסגערופען אלע פייערלעשער-אפטיילונגען.

קאמענדאנט גראהמאן, וועלכער האט דעם זונטאג׳דיגען טאג געווילט אויף אנ׳אויספלוג אין זשגאזו איז טעלעפאניש ארויסגערופען געווארען צו דער שרפה, צו וועלכער ער איז אנגעקומען ערשט 4 א זייגער פארטאג, ביז צו זיין אנקומען האט די רעטונגס-אקציע געפיהרט קאמענדאנט שייבלער, וועלכער האט נעלענקט דעם הויפטגעוויכט פון דער אקציע אפצוראטעווען די בעדראהטע וועכנעריך קליניק און דעם פאלאץ פון שטילער און ביעלשאווסקי.

ווי שטארק עס איז געוועזען די עקספלאזיע, בעווייזט דער פאקט, וואס אפילו אויף דער וואנגעליצקא-גאס זענען ארויסגעפאלען שויבען פון די פענסטער, און טירען האבען זיך אויסגעבראכען פון די זאוויאסעס.

צוליב דעם, וואס אין תחילת האט קיינער נישט געוואוסט די סבה פון דער עקספלאזיע, זענען ארומגעגאנגען פערשידענע ווערסיעס אין שטאט: איינינע האבען געהאלטען, אז די שאסען שטאמען פון מיליטערישע מאנעווערעס, אנדערע ווידער האבען זיך משער געווען, אז עס איז פארגעקומען א פולווער-אויפרייס אין די הינטערשטאטישע מאגאזינען; ערשט ווען איבערן הימעל, אין דער געגענד פון ראמבראוווסקי׳ס-פלאץ האט זיך בעוויזען א פייער, האבען אלע פערשטאנען, אז די שרפה איז אין מיטשטאט.

אויפ׳ן ארט פון דער קאטאסטראפע איז תיכף אנגעקומען דער שטעטישער סטאראסטע ה׳ סטזשעמינסקי, די אויבער-קאמיסארן פון דער פאליציי, ה׳ איווידארטשיק און ווייער, דער נאטשאלניק פון דער פאליטישער-אפטיילונג ביי דער וואיעוואודזטווע ה׳ סיסקא, דער זשאנדארמען-אנפיהרער, און כמעט אלע פאליציי-אפיצירען.

די אויספארשונג איז זעהר בעשווערט געווען צוליב דעם, וואס בעת דער שרפה איז נישט מעגליך געווען צוצוקומען צום ארט, וואו ס׳האט געברענט, און דערנאך, זענען געבליבען בלויז חורבות.

מחמת דעם, וואס עס זענען פערברענט געווארען די האנדעלס-ביכער פון דער פירמע „האדריאן", איז שווער פעסטצושטעלען, וואס און וויפיל עס איז פערברענט געווארען, דאך איז מען זיך משער, אז עס איז אוועק מיט׳ן רויך איבער צוויי טויזענד קילא כעמיקאלען.

די ווייטערדיגע אויספארשונג וועט, מסתמא, אויך בעווייזען, ווער עס טראגט די פעראנטווארטליכקייט פאר דער קאטאסטראפע, וועלכע האט זיך געקענט אזוי פאטאל ענדיגען.

ווי מיר דערוויסען זיך וועט היינט צונויפגערופען ווערען אנ׳אויספארשונגס-קאמיסיע, וועלכע וועט זיך פערנעהמען מיט׳ן דערגעהן די סבה, א דאנק וועלכער דער אויפרייס איז ענטשטאנען און וואסערע כעמיקאלען עס האבען אויפגעריסען.

די קאמיסיע וועט בעשטעהן פון דריי כעמיקער, און זי וועט ארבייטען מיט דער בעטייליגונג פון דער פאליציי מיט׳ן קאמיסאר ווייער אן דער שפיץ.

אין דער פאליציי האט מען איבערגעגעבען אז אין די לאגערען פון דער פירמע „האדריאן" זאלען זיך האבען געפינען פישקעס מיט עפיס א מין אומבעקאנטען פולווער, דעריבער וועט אויך זיין די אויפגאבע פון דער דערמאנטער קאמיסיע פעסטצושטעלען, וואס פאר א פולווער דאס איז געווען, און אין וואסער קוואנטום, ער האט זיך געפינען אויף לאגער, בעת׳ן אויפרייס.

ספארט-בעוועגונג.

רעזולטאטען פון די נעכטיגע מייסטערשאפטס-מעטשען פון די „עקסטרא"-קלאס אין פוילען.

„טוריסטען" — „טשארני" (לעמבערג) 0:3
„ל.ק.ס." — „ווארטא" (פויזען) 3;2.
„חשמונאי" — „ויסלא" (קראקא) 1:0.
„פאגאן" — „רוך" 1:3.
„לעגיא" — „שלאנסק" 1:3.
I פוטבאל-קל. קאטאוויץ — ט.ק.ס. 4:3

וועגען דער מייסטערשאפט פון „א"-קל. אין לאדז
„הכח" — „ווידזעוו" 2:1.
„טוריסטען I ב" — פ.ט.צ. 3:3.

„ל.ק.ס. I ב" — „ג.מ.ס." 0:6.
„וו.ק.ס." — „אוניאן" 0;1.

פון די מייסטערשאפטס-קאמפען וועגען „ב"-קלאס
„חשמונאי" — „קדימה" 0:3.
„ווידזעוו II" — הכה II" 3:4.
ה. ב-ן.

אכטונג, לעטניקעס!
— דעם —
„נייעם פאלקסבלאט"
קען מען בעקומען טעגליך אויף די זומער-וואוינונגען:
גאלקובעק און זשאכאוויץ
אויף די באהן-סטאציעס.

ניו-יארק איז איצט א זינדיגע שטאט

(ענדע פון 3-טע זייט)

דערהויפט נאך וואס אויסערליך ציינען זיך די „ספיק-איזי׳ס" אלס זעהר אנשטענדיג. מען היט זיך פון צופיל צו רייסען די אויגען און מען טוט די ביזנעס אונטער א מאנטעל פון צדקות.

157 „ספיק-איזי׳ס" האט זיך דעם קאמיטעט איינגעגעבען אונטערצוזוכען און עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז 132 זענען געווען אויסגעלאסענע ערטער, אז פון 441 פרויען, וואס מען האט געטראפען אין די דאזיגע ערטער, זענען געווען אזעלכע וואס האבען געהאנדעלט מיט זייערע קערפערס 291, און די אנדערע זענען געווען פון דעם מין, וואס האבען געזוכט אויף אנ׳אנשטענדיגען אופן אויסצונוצען די געסט.

און נישט בעסער איז אויך אין די טאנצזאלען, דארט וואו מען לערענט יונגעלייט טאנצען. דער קאמיטעט האט אויסגעפונען, אז די לעהרערינס נעהמען ארויין די שילער אין בעזונדערע צימערען, וואס ווערען פערשלאסען און דארט ווערט עס געגעבען די לעקציע און מען קאן זיך פארשטעלען אז אויסער דעם טאנצען ציהען נאך די לעהרערינס אויך נוצען פאר זיך פון זייערע שילער, וואס זענען געוועהנליך יונגעלייט.

אט דער בעריכט האט געמאכט א נערוועזער אין די פאליציי-קרייזען און אין די קרייזען, וואו מען טראכט נאר ווי אויסצובעסערען די זיטען אונזערע. אבער אלע פערשטעהען, אז ווירעראמאל האט דער פראהבישאן-געזעץ נעכאפט א קלאפ אז עס צייגט זיך ארוים זיין שעדליכקייט.

י. אבראמסאן.

CYRK MEDRANO
Al. Kościuszki 73
טעגליך גרויסע פארשטעלונג! אנהויב 8.30 אווענד
גענצליך נייער פאר לאדז פראגראם! 15 דרעסירטע לייבען. מיטוואך, שבת און זונטאג טעגליך 2 פארשטעלונגען 4 נאכמ. 8.30 אווענד. אויף די נאכמיטאג-פארשטעלונגען צאהלען קינדער האלבע פרייזען. גאלעריע נאר 50 גר.
706

טעלעגראמען

אויספארשונג גיט א טרויעריג בילד
וועגען דער לאגע פון די יודישע ארבייטער און האנדווערקער אין בערדיטשעווער קרייז.

מאסקווע, (י.ט.א.) דער בערדיטשעווער קרייז-קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי האט פערעפענטליכט דעם רעזולטאט פון דער עקאנאמישער אויספארשונג, וואס דער קרייז-קאמיטעט האט דורכגעפיהרט אין די קרייז-שטעטלעך. די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז אין די שטעטלעך איז פערהאן פיל ארבייטסלאזע האנדווערקער. די, וואס האבען א בעשעפטיגונג, ארבייטען נישט מעהר ווי 6 חדשים אין יאהר.

א דריטעל פון די יודישע ארבייטסלאזע האבען נישט קיין אויסזיכטען צו בעקומען בעשעפטיגונג, ווייל זיי זענען שוואך קוואליפיצירט, אין געוויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען וויל מען בכלל נישט צונעהמען קיין יודען. די האנדווערקער האבען נישט קיין רויה-שטאפען.

נישט-צושטאנד-געקומען א יודישער וואהל-בלאק אין לעטלאנד

ריגע. (יט"א). די פערהאנדלונגען, וואס זענען געפיהרט געווארען וועגען שאפען אנ׳איינהייטליכען יודישען בלאק צו די וואהלען אין לעטלענדישען סיים, וועלכע קומען פאר דעם 6. און 7. אקטאבער, האבען נישט געבראכט צו קיינע רעזולטאטען. ווי עס איז פארצוזעהען וועלען די יודען ארויסשטעלען צו די וואהלען 5 פערשידענע ליסטעס.

קיעווער און כארקאווער יודען ארויסגעזעצט
פון זייערע וואוינונגען אלס „נישט ארבייטענדע עלעמענטען.

מאסקווע. (יט"א). א גרויסע צאהל יודען אין כארקאוו ווערען איצט ארויסגעווארפען פון זייערע וואוינונגען אלס „נעפמאנישער עלעמענט" און אין זייערע דירות ווערען אריינגעזעצט ארבייטער.

דער כארקאווער שטאדטישער סאוויעט האט בעשלאסען ארויסצוזעצען די „נישט-ארבייטענדע עלעמענטען" פון זייערע דירות, כדי צו פערגרינגערען די וואוינונגס-פראגע פאר די ארבייטענדע עלעמענטען.

אנ׳עהנליכער בעשלוס איז אויך אנגענומען געווארען דורך דעם שטאדטישען-סאוויעט אין קיעוו.

רוטענבערג וועט בעזארגען
מיט עלעקטרישען שטראם אויך דעם עבר-הירדן.

ירושלים. (יט"א). דער לייטער פון דער „פאלעסטיין עלעקטריק קארפאריישן", אינזש. פנחס רוטענבערג האט ערווארבען א קאנצעסיע אויף צו בעזארגען מיט עלעקטרישען שטראם די הויפטשטאדט פון עבר-הירדן אמאן און 2 אנדערע גרעסערע שטעדט קעראק און עס-סאלט.

די דאזיגע דריי שטעדט זענען נישט געווען ארומגענומען דורך דער גענעראל-קאנצעסיע פון דער „פאלעסטיין עלעקטריק קארפאריישן".

דעלפינער זיידען-פאבריק ווערט ווידער געבראכט אין בעוועגונג.

ירושלים. (יט"א). די בעקאנטע זיידען-פאבריק פון וויענער אינדוסטריעלער דעלפינער אין תל-אביב, וואס איז שוין זייט א געוויסע צייט נישט טעטיג, איז לעצטענס געקויפט געווארען דורך א לאנדאנער גרופע מיט ה׳ נאטאנ׳ס׳ן בראש און וועט שוין אינגיכען געבראכט ווערען אין בעוועגונג.

———:0:———

די לעצטע וואָכען פון ניקאָלאַי'ס לעבען

איינצעלהייטען, וועלכע זענען אינטערעסאַנטער ווי דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט'ן פראַנצויזישען קעניג לואי דער 16־טער און דער קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעט איידער מען האָט זיי געפיהרט צו דער גילאָטינע.

די ערינערונגען זענען געשריבען פון אַלעקסאַנדער אַוודעיעוו, וועלכער האָט בעוואַכט ניקאָלאַי'ען און זיין פאַמיליע.

(סוף)

פון „יענער צייט אָן האָט דער צאַר מיר גערופען ביים נאָמען און פאָטערס נאָמען (ווי עס איז דער רוסישער שטייגער), און שפּעטער פלעגט ער פּרובען מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס — אָבער נאָר ווען זיין ווייב איז דערביי נישט געווען.

ער האָט ממש געציטערט פאַר איהר, זי האָט איהם געזידעלט אין אונזער אַנוועזענהייט — אין דער היים און אין הויף בשעת'ן שפּאַציר. אַ שאָד, וואָס זי האָט זיך געזידעלט אויף ענגליש. האָבען מיר נישט געקענט הנאה האָבען פון די לעכערליכע סצענעס.

ווי נאָר די צאַריצאַ פלעגט אַוועקגעהן איז ניקאָלאַי געווען נישט צו דערקענען; ער האָט מיט אַלעמען גערעדט, אויסגעפרעגט וועגען יעדען, איז אַרומגעלאָפען איבערן הויף מיט די טעכטער, האָט אָפּט מאַרשירט מיט זיי און געווען פיל איינפאַכער און נאַטירליכער ווי אין אַלעקסאַנדרעס אַנוועזענהייט. ווי נאָר זי האָט זיך בעוויזען, ווערט ניקאָלאַי שטייף, איינגעהאַלטען — אַן אַנדער מענש.

זייט אויס. זי איז געווען די רעגירערין און טאָן־געבערין. ער אַליין האָט איבעריגענס נישט בעהאַלטען זיין כאַראַקטערלאָזיגקייט פון אונז.

איינמאָל פרעגט ער מיך אַזוי: „ווער זענען דאָס די באָלשעוויקעס?“ איך האָב איהם געענטפערט אַז ער מוז דאָס גאַנץ גוט וויסען, ווייל ער האָט דאָך אַליין פערשיקט קיין סיביר פינף דומע־דעפּוטאַטען באָלשעוויקעס. ענטפערט ער, אַז דאָס האָבען געטאָן זיינע מיניסטאָרען אָהן זיין וויסען.

האָב איך געזאָגט: ווי ווייסט דאָס נישט אַ קייזער, וואָס זיינע מיניסטאָרען טוען, אַז דעם 9. יאַנואַר 1905 האָט מען אַרבייטער אין די הונדערטער צושאָסען פאַר איהם אין אויגען, נעבען זיין פּאַלאַץ!... ער האָט זיך געווענדעט צו מיר, רופענדיג מיך ביים נאָמען און פאָטערס נאָמען: „איהר וועט מיר נישט גלויבען, אָבער איך זאָג אייך דעם אמת: דערוואוסט זיך וועגען דער געשיכטע האָב איך ערשט נאָך אַלעמען, ווען דער אַרבייטער־אויפשטאַנד איז שוין געווען דערשטיקט...

איך האָב איהם איבערגעהאַקט: — ווער וועט אַזוינס גלויבען?

איינמאָל בשעת'ן שפּאַציר, פרעגט ער דעם אַרבייטער פאָמין: „פאַרוואָס האָבען די זעלנער קיין אוניפאָרמעס נישט?“ אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע געוועהנליכע אַרבייטער־קליידער.

האָט איהם פאָמין געענטפערט: „נישטאָ וואָס אָנצוטאָן, איהר האָט בשעת מלחמה פערטאַכלעוועט ד' גאַנצע קליידונג, אונז איז גאָרנישט געבליבען!“...

אין דער אויסלענדישער פרעסע שרייבט מען, אַז דער געוועזענער צאַר האָט פיל געלעזען אין געפאַנגענשאַפט. איך בין געווען דריי חדשים מיט ניקאָלאַי'ען און מוז זאָגען, אַז דאָס איז שטאַרק איבערגעטריבען. פונ'ם פריהערדיגען הויז־אייגענטימער איז געבליבען אַ רייכע, פיינע ביבליאָטעק. ניקאָלאַי האָט זיך מיט איהר נישט אינטערעסירט. געוועהנליך פלעגט ליגען ביי איהם אין שטוב דאָס יובילעאום־ווערק „די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע“, וועלכע עס האָבען אַרויסגעגעבען לכבוד דער דריי־הונדערט יאָהריגער ממשלה די ראָמאַנאָווו אָנהענגער. דאָס דאָזיגע חניפה'שע ווערק האָט ער אָפּט געבלעטערט, בעטראַכטענדיג די פּאָרטרעטען פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ איז געווען אַן אַנדער מענש. זי איז אָהן אַרבייט נישט געזעסען קיין איין מינוט. אָדער זי האָט געשטריקט — אָדער אויסגענייהט, אָדער עפּעס געלייענט. מייסטענס האָט זי געלייענט רעליגיעזע זאַכען.

די טעכטער זענען געווען ענליך צום פאָטער: אָדער זיי האָבען געשפּילט קאָרטען, אָדער אַרומגעגאַנגען זינגענדיג לידער, אָבער פון צייט־צו־צייט פלעגען זיי כאַפּען עפּעס אַ ביכעל פון ביבליאָטעק.

איינמאָל האָט דער קליינער אַלעקסאַנדער דערהערט, ווי די סאָלדאַטען אונזערע זינגען די רעוואָלוציאָנערע ליד: „געפאַלען אַנ'אָפּפער זייט איהר“; איך האָב דעמאָלט גראָד געהאַט אַ שמועס מיט באָטקינ'ען; פרעגט מיך אַלעקסעי, צי, קען איך דאָס ליד. איך ענטפער: יאָ, בעט ער מיך איך זאָל איהם אויפשרייבען די ווערטער. ווייל איהם געפעהלט זעהר דער מאָטיוו. איך האָב איהם ערקלערט, אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערע ליד. טאַטיאַנאַ האָט אָנגעהויבען איהם עפּעס ערקלערען אויף ענגליש. פרעגט מיך אַלעקסעי צי דאָס איז אַנ'ערלויבט ליד און צי עס איז נישטאָ דאָרט קיין מיאוס'ע ווערטער? איך האָב איהם בערוהיגט: דאָס איז אַ גוטע ליד און אָהן מיאוס'ע ווערטער און איך האָב איהם צוגעזאָגט געבען דאָס ליד.

איך האָב שפּעטער איהם געגעבען אַ זאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. אין אַ צייט אַרום פרעג איך איהם, צי לייענט ער די לידער. ענטפערט ער, אַז מאַמאַ לייענט זיי. דאָס הייסט, אַז זיי האָבען אַרומגעשפּאַצירט אין קאַמין־פייער...

די יעקאַטערינבורגער תפיסה איז געווען אַרומגערינגעלט, ווי פריהער דערמאָהנט, מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן, וועלכער האָט אָבער נישט אינגאַנצען פערשטעלט איין פענסטער, וואָס איז געווען געווענדעט צום וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט. אין דעם ראָזינען פענסטער איז געווען אַ פאָרטקעלע, וועלכע מען האָט געקענט עפענען און פערמאַכען. געזעסען דאָרט זענען ניקאָלאַי און זיין ווייב. אין מאָנאַט יוני האָבען אונזערע וואַך־מענער, וואָס זענען געשטאַנען אינ'ם ווינקעל, וואָס טיילט אַ פּאָרעם פּאַרקען פון הויז. אָנגעהויבען צו בעמערקען אַז, מעהרסטענטיילס אין דער פריה, רוקט זיך פון דער פאָרטקעלע אַרויס עפּעס אַ קאָפּ. איינגעקוקט זיך — היינט טאַטיאַנאַ'ס קאָפּ; אַנ'אַנדערס מאָל — אָלגאַס'. די וואַך־מענער האָבען געוואָרנט ניקאָלאַי'ס טעכטער זיי זאָלען דאָס נישט טון. עפענען דאָס פענסטערל קענען זיי. דאָס איז ערלויבט, אָבער נישט אַרויסשטעקען דעם קאָפּ אָדער אַ האַנד.

די וואַך־מענער האָבען פאַר מיר זיך געקלאָגט, אַז ניקאָלאַי'ס טעכטער נעהמען נישט אין אַכט זייערע רייד. איך האָב געוואָרנט אַלע פונ'ם הויז, אַז זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג, ווייל עס קען געשעהן אַנ'אומגליק, ווייל לויט'ן געזעץ האָט די וואַך דאָס רעכט צו שיסען נאָך אַ צווייטמאָליגען וואָרנונג. די מיידלעך — ניקאָלאַי'ס טעכטער — האָבען אַלע אין איין קול פערזיכערט, אַז מעהר וועלען זיי דאָס נישט טון.

פערגאַנגען אַ וואָך צייט. זיי האַלטען וואָרט. איך האָב מיך בערוהיגט, און פּלוצלונג — ווידער דיזעלבע געשיכטע: יעדען טאָג, אינדערפריה, צווישען 7 און 9 אַ זייגער, בעווייזט זיך אינ'ם פענסטערל אַ קאָפּ; איז דאָס צופעליג, צי גיבען זיי סיגנאַלען? מיר האָבען אָנגעהויבען פאָרזיכטיג און ענערגיש אַרומצוקוקען די גאַס; ענדליך האָבען מיר בעמערקט, אַז אין דערזעלבער צייט, פריהמאָרגען, דרעהט זיך אויף דער גאַס אַרום עפּעס אַ גימנאַזיסטעל, ער געהט אַהין און צוריק קלאָר, אַז דאָס איז נישט אַ שפּאַציר גלאַט אין דער וועלט אַריין. דער גימנאַזיסטעל איז געווען אַנ'אַרעסטירטען סוחר'ס אַ זוהן.

מיר האָבען דער וואַך געגעבען אַ אינסטרוקציע, אַז ווי נאָר אין פענסטער וועט זיך בעווייזען אַ האַנד אָדער אַ קאָפּ, זאָלען זיי געבען אַ לעדיגען שאָס אין דער לופטען, כדי צו וואָרענען.

איך זיץ ביי זיך אין קאָמענדאַנטען־שטוב, פּלוצלונג הער איך אַ שאָס, איך האָב זיך געלאָזט צו ניקאָלאַי'ען אין שטוב. איך רייס אויף די טיר און דערזעה: ניקאָלאַי ליגט אויף דער פּאָדלאָגע מיט'ן פּנים אַראָפּ; הינטערן בעט, נעבען דעם נאַכט־טישעל, האָט זיך צוזעצט אַלעקסאַנדראַ; נעבען דעם פענסטער, האַלב־ליגענדיגע — מאַריאַ און טאַטיאַנאַ. איך האָב געפרעגט, צי איז נישט עמיצער פערוואונדעט. ניקאָלאַי איז אויפגעשפּרונגען דער ערשטער און נאָך איהם — אַלע אַנדערע. די ערשטע האָט געבייזערט זיך אַלעקסאַנדראַ. זי האָט געשריען, אַז דאָס איז אַ נישט־געהערטע זאַך, אַ סקאַנדאַל.

אויפ'ן פענסטער האָב איך דערזעהן אַ קליינעם בויגען; האָב איך איהם צוגענומען. טאַטיאַנאַ האָט ערקלערט, אַז דאָס איז אַלעקסעי'ס בויגען, קיין פיילען צום בויגען האָבען מיר נישט געפונען.

איך האָב דער געוועזענער צאַריצאַ געזאָגט, אַז זיי זענען אַליין שולדיג אין דעם סקאַנדאַל. און זיי מעגען גאָט דאַנקען, וואָס אַלץ איז פערלאָפען אַזוי גלאַט.

פון דעמאָלט אָן זענען די ראָמאַנאָוו'ס מעהר צום ווינקעל־פענסטער נישט צוגעגאַנגען.

אונזער לאַגע אין אוראַל איז געוואָרען אַלץ ערגער. אין מיטען מאַי האָט זיך אָנגעהויבען דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער אויפשטאַנד; דעם 18־טען מאַי האָבען זיי פערנומען די שטאָט טשעליאַבינסק. האַנד אין האַנד מיט זיי זענען געגאַנגען די רוסישע מאָנאַרכיסטען. די דאָזיגע לייט האָבען זיך געאיילט צו פערכאַפּען יעקאַטערינבורג, כדי אַרויסצוראַטעווען ניקאָלאַי'ען פון אונזערע הענד.

אין מאָנאַט יוני פאַלט די שטאָט זלאַטאָאוסט אין ווער־אוראַל. ווי נאָר די טשעכען האָבען פערכאַפּט זלאַטאָאוסט. האָבען זיי זיך געלאָזט צום פּערמער אייזענבאַהן־וועג מיט'ן חשבון אָפּצושניידען יעקאַטערינבורג פון צענטער.

אָנהויב יולי האָבען זיך די טשעכען גאַנץ נאָהענט צוגערוקט צו יעקאַטערינבורג. די שטאָט איז געווען אין גרויס געפאַהר. אַוועקפיהרען ניקאָלאַי'ען — איז געווען אַ ריזיקע; דאָס האָט געהייסען איבערגעבען איהם אין די הענד פון די טשעכען און שוואַרץ־מאה'ניגע. האַלטען איהם אין יעקאַטערינבורג — די זעלבע צרה.

מיר האָבען דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי — צו שיסען ניקאָלאַי'ען און אַלע זיינע נאָהענטע, וואָס האָבען איהם נישט געוואָלט פערלאָזען.

דאָס איז געשעהען אין דער נאַכט פון 16־טען יולי 1918...

אין נעץ פון אַ פרויען־הענדלער.

ער שרייבט תנאים, כדי צו פערקויפען די כלה. — די לוסט־רייזע נאָך וואַרשאָ. — צוליב נישט־פאָרזיכטיגקייט, אַריינגעפאַלען. — די מערקווירדיגע רעטונג.

פון קאַליש שרייבט מען:

נישט פון די לייכטע זאַכען איז אין די היינטיגע צייטען חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער. איז דאָ נדן — מוז די כלה זיין דערצו געראָטען אויך. אָבער טאָמער איז קיין נדן נישטאָ, טאָ קאָנט איהר שוין פערגעסען, איהר זאָלט געפינען אַ חתן פאַר אַ מיידעל אָהן געלד, כאָטש זי איז אַ געראָטענע.

דעריבער טאַקי איז געווען גרויס די שמחה ביי דער פאַמיליע ק־ערג ביי אונז אין שטאָט, ווען זיי זענען שוין געווען אַזוי נאָהענט פון גליק, וואָס זייער טאָכטער וועט חתונה האָבען פאַר אַ רייכען קרוב. מילא, דער מוטערס גדולה, איז נישט צו שילדערן, נאָר אויך די כלה איז געווען צופרידען. אַ קליינינקייט, שוין געהאַט כמעט פערלוירען די האָפנונג... געמיינט, זי וועט שוין פערזיצען ביז'ן גרויען צאָפּ — און דאָ פּלוצלונג, פערליבט זיך אין איהר אַ רייכער קרוב, אַ שעהנער, אַ יונגער, אַז אַלע בעקאַנטע קאַלישער „קאַלעזשאַנקעס“ האָבען איהר מקנא געווען.

די פאַמיליע ק—ערג האָט פאַר דער קריג געשמ'ט אין גאַנץ פּוילען. דער פאַמיליען־פאָטער, ר' אברהם, האָט געפיהרט גרויסע מסחרים, געפיהרט אַ ברייט חסידיש־נגידיש הויז. שטענדיג געגעבען נדבות מיט אַ ברייטער האַנד אַזוי, אַז זיין נאָמען איז געווען בעוואוסט ווייט אויסער קאַליש.

געהאַט האָט ער אַ בת־יחידה, גיטעלע, וועלכע האָט בעקומען די בעסטע ערציהונג.

אין די מלחמה־יאָהרען האָט זיך דאָס מזל־רעדעל געגעבען אַ דרעה צוריק, און די פאַמיליע ק־ערג איז פעראָרימט געוואָרען. ביסלעכווייז האָבען זיי פערקויפט דאָס פערמעגען און לסוף איז ר' אברהם געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג זיין פרוי מיט דער טאָכטער גיטעלע אָהן מיטלען צו לעבען.

די מוטער מיט דער טאָכטער האָבען קוים קוים פערדינט אויף חיונה. די מוטער האָט אָנגענומען צו נעהען וועש און גיטעלע האָט געגעבען קאָרעפּעטיציע, אַזוי האָבען זיי זיך מפרנס געווען און אַפילו נישט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ שידוך פאַר גיטעלע, ווייל ס'איז קיין נדן נישטאָ.

גלייך נאָך פּסח פערפאָהרט פּלוצלונג צו דער פאַמיליע ק—ערג אַ יונגערמאַן, רייך געקליידערט, שטעלט זיך פאָר אַלס ווייטער קרוב, וואָס איז געקומען געשעפטליך נאָך קאַליש און וויל דערווייל וואוינען ביי דער משפּחה. נאַטירליך, ער וועט בעצאָהלען.

די פרוי ק־ערג, אַ העכסט־צופרידענע פון דעם גאַסט, האָט תיכף מסכים געווען און מיט'ן גאַסט זיך שטאַרק דערפרעהט.

נאָר צי דער יונגערמאַן האָט געהאַט דאָ געשעפטען, דאָס די פאַמיליע ק־ערג געגוי נישט געקאָנט וויסען, אַלענפאַלס איז ער יעדען טאָג אַוועקגעגאַנגען אויף איניגע שעה.

אויך האָט די טאָכטער אויסגעפונען, אַז דער יונגערמאַן איז אַ גאַנץ סימפּאַטישער, און ווען דער יונגערמאַן האָט פאַר שבועות געבעטען איהר האַנד, איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט אָפענע אָרעמס.

מען האָט גלייך נאָך שבועות געשריבען תנאים, און די פרוי מיט דער טאָכטער האָבען זיך געפיהלט גליקליך. ווי אין זיבעטען הימעל...

אין אַ שעהנעם טאָג פּראָפּאָנירט דער חתן אַוועקצופאָהרען מיט דער כלה נאָך וואַרשאָ, אַביסעל זיך צו פערוויילען אויף איניגע טעג.

די מוטער, נישט אייננעהענדיג אין דעם קיין שום אויסטערלישעס, האָט איהר הסכמה געגעבען אויף דער רייזע.

קומענדיג נאָך וואַרשאָ, זענען זיי פערפאָהרען אין האָטעל „וויקטאָריאַ“. געגאַנגען נאָך דעם זעלבען אָווענד אין טעאַטער אויף „קידוש השם“ און פון דאָרט אַוועק אויף קאָלאַציע אַזוי, אַז צוריק אין האָטעל זענען זיי געקומען אַ שטיק אין פריה.

די פרל. ק־ערג האָט זיך באַלד געלעגט און דער חתן אונטער אַנ'אויסרייד האָט ערקלערט, אַז ער מוז אַוועקגעהן ערלעדיגען אַ געשעפטליכען ענין.

די זאַך איז די כלה אויסגעקומען פערדעכטיג און זי האָט בעשלאָסען וואַך צו זיין.

אין אַ שעה אַרום האָט זי דערהערט איהר חתנ'ס קול הינטער ד' טיר, ווי ער זאָגט צו אַ צווייטען שטיל:

— איך וועל דיך פאָרשטעלען אַלס מיין קרוב און דערווייל בעטראַכט גוט דאָס „שטיקעל סחורה“, וועלען מיר נאָכהער שוין רעדען וועגען פּרייז.

די פרל. ק. האָט קוים צייט געהאַט צוזאַמענצונעהמען די געדאַנקען, ווי די טיר האָט זיך געעפענט און איהר חתן איז אַריינגעקומען מיט נאָך איינעם, פאָרשטעלענדיג איהם טאַקע אַלס קרוב.

פרל. ק. האָט פערשטאַנען דעם גאַנצען עסק און בעשלאָסען זיך צו ראַטעווען.

גלייך נאָכ'ן אַוועקגעהן פון „קרוב“ האָט פרל. ק. ערקלערט, אַז זי פיהלט זיך שוואַך ביים האַרץ, און זי וואָלט גערן געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר.

דער חתן האָט איינגעשטימט און זיי זענען אַוועק צום דאָקטאָר ראָווענפעלד.

אַריינקומענדיג אַליין אין קאַבינעט, האָט פרל. ק. דערצעהלט דעם דאָקטאָר די גאַנצע געשיכטע און פערלאַנגט אַרויסצורופען פּאָליציי.

פּאָליציי איז גלייך געקומען, אַרעסטירט דעם חתן און ווי מען גיט איבער, איז ער געווען איינער פון אַ סך אַגענטען, וואָס די לעצטענס אַרעסטירטע מענשען־הענדלער־באַנדע אין וואַרשאָ האָט געהאַט צו איהר דינסט.

גיטעלע ק—ערג איז צוריקגעקומען נאָך קאַליש, וואו זי איז פאַר צרות קראַנק געוואָרען.

ווילכטיג פאַר די לעטניקעס פון
אַלעקסאַנדער
און אומגעגענד!
ביי מיר בעקומט מען יעדען טאָג 9 אַ זייגער פריה דעם „נייעם פאָלקסבלאַט“
פּלאַס, לוטאָמירסקאַ 22.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען־, נאָז־, האַלז־ און לונגען־קראַנקהייטען
קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 27-81.

יודיש טעאַטער אין זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
גאַסטראָלען פון דעם אַמעריקאַנער סטאַר
בעני אַדלער
פרוי שושנה
אויך נעמט אַנטייל די בעקאַנטע אַרטיסטקע פון וואַרשעווער טעאַטער

היינט, מאָנטאָג, ד. 30 טן 9 אָוו. גרויסע פּאָפּול. פאָרשטעלונג. פון 1 ביז 2.50
דער איינציגער זוהן
מעלאָדראַמע אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון זאַלאַטאַרעווסקי. הויפּטראָל בעני־אַדלער
אין ערשטען אַקט קומט פאָר אַ קאַבאַרעט עס ווערט געזונגען די שענסטע געזאַנגס־נומערען אויך טענץ.

דינסטאָג, דעם 31־טען יולי, 9 אָוונד צו פּאָפּולערע פּרייזען
דער איבריגער מענש
אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון זאַלאַטאַרעווסקי
הויפּטראָל מאָריס — בעני אַדלער.

מיטוואָך, דעם 1־טען אויגוסט, 9 אָוונד
גרויסע איבעראַשענדע פאָרשטעלונג צום אויפטריט פון אַרטיסט און זינגער פון ווילנער פאָלקס־טעאַטער
מ. טרילינג
קאַווקאַזער ליבע
אין 3 אַקטען מיט 20 נומערען געזאַנג און טענץ פון פּ. סאַנדלער.
הויפּטראָל איסאַק – מ. טרילינג.
בעני אַדלער וועט אויפטרעטען אין זיין בעסטע דעקלאַמאַציע „דער ממזר“.
צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען דאָס בעליבטע ליד „איך וויל אַ מיידעל ווי מיין מאַמעניו איז געווען“.

אַלע פּיעסען זענען רעזשיסירט פון בעני אַדלער. אימפּרעסאַריאָ: סאַלאָמאָן קוסטין.
מוזיקאַל. לייטונג: ל. זעלמאַן. אַדמיניס.: א. בעזמאַן. ביהנע־לייטער: מאַזאַראָווסקי.
בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען צו בעקומען אין פילהאַרמאָניע־קאַסע.

לעמבערגער יודישער בחור אוועק צו די מיסיאָנערען.

נויט און דחקות האָבען איהם דערצו געפיהרט. ער האָט נישט געוואָלט קיין חתן ווערען. — די כלה מיט די 600 דאָלאַר האָבען איהם נישט אימפּאָנירט. — זעלבסטמאָרד איז ער נישט בעגאַנגען.

יאַריטשאָוו איז אַ שטעטעל נעבען לעמבערג. די פּאָר הונדערט יודישע משפחות האָבען פאַר דעם קריג געצויגען חיונה פון די ירידים. דער יריד האָט געגעבען פּרנסה דער יודישער בעפעלקערונג אויף דער צווישענצייט ביז צו דעם צווייטען יריד און אַזוי האָט מען טאַקי אין די וואָכען-טעג, ד. ה. פון איין יריד צום אַנדערען געלעבט בשלום ובשלוה, איינער בעסער, דער אַנדערער ערגער.

חוץ די ירידים איז דאָס שטעטעל געווען אין אַ נישט גוטער לאַגע. ערשטענס צוליב דעם, וואָס די באַהן איז ווייט פון שטעטעל, צווייטענס, ווייל דאָס שטעטעל איז צו נאָהנט קיין לעמבערג און ווער עס וויל זיך עפּיס קויפען, גיט „אַ פאָל אַריין" קיין לעמבערג, בעזאָרגט זיך, וואָס ער בעדאַרף און איז נישט געצוואונגען אָנצוקומען צו די אָרטיגע סוחרים.

איז געקומען דער קריג און האָט געמאַכט פון יאַריטשאָוו אין גאַנצען אַ ת"ל. דאָס שטעטעל איז פון די רוסען פערברענט געוואָרען, די איינוואוינער זענען אַנטלאָפען און דער גרעסטער טייל איז טאַקי נישט מעהר צוריקגעקומען אין שטעטעל. דער בעריהמטער יאַריטשאָווער רב איז געבליבען וואוינען אין לעמבערג, זיין שוואָגער דער דיין איז אַוועק קיין אַמעריקאַ, די בעלי בתים זענען צעשפּריים געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט און בלויז אַ קליינער טייל יודען האָבען נעפּרובט צוריק אויפבויען די חורבות פון זייער אַלטער היים. די ירידים האָבען כמעט ווי אויפגעהערט און דאָס שטעטעל לעבט אין דחקות.

צווישען די יודען, וואָס זענען בשעת'ן קריג אין גאַנצען פעראָרימט געוואָרען געפונט זיך חיים מרדכי ראָזען. אַרומזעהענדיג זיך, אַז ער האָט אין יאַריטשאָוו נישט מעהר וואָס צו טון איז ער אַוועק קיין לעמבערג זוכען פּרנסה. וואָס קאָן אָבער אַ קליינשטעטעלדיגער יוד אין די מיטעל יאָהרען און אָהן אַ גראָשען געלד טון אין לעמבערג? פון וואָנען קאָן ער בעציהען פּרנסה? וואָרום קען קומען זיין הילף.

נישט האָבענדיג קיין אַנדערען אויסוועג, האָט ער געזוכט אַ מלומדות. אין שטעטישען בית-המדרש אויף באַאימאָוו-גאַס האָט ער זיך איינקוואַרטירט און אין איינעם פון די דאָרט פעראַנענע שולעכלעך האָט ער געלערנט מיט עטליכע יונגלעך. איצט זענען זיך די יונגלעך צעפאָהרען אויף וואַקאַציע און דער אָרימער יוד פערדינט נישט ממש אויף קיין שטיקעל ברויט אפילו פאַר זיך אַליין און בפרט פאַר זיין בני-בית, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין יאַריטשאָוו.

וואָלט דאָך שוין דאַכט זיך געווען גענוג צרות. איז אָבער דעם אָרימען יוד בעשערט צו ליידען חוץ דחקות-פּרנסה אויך אַנדערע צרות, וואָסגעמאַך מאַכען איהם פערגעסען אָן די ערשטע.

אַ געראָטענעם זוהן האָט געהאַט דער יוד, וועלכער הייסט משה ראָזען. ווען די צייטען האָבען זיך אָנגעהויבען פון טאָג-צו-טאָג פערערגערן און דער פאָטער האָט געמוזט אַוועק קיין לעמבערג זוכען אַ שטיקעל ברויט, איז משה ראָזען אַוועק קיין קראָקאָ, זיך אויסגעלערנט זיין אַ גראַווירער און טאַקי האַלבוועגס פערדינט. משה האָט דערביי בעלערנט און זיך גאַנץ אַנשטענדיג אויפגעפיהרט. דער טאַטע מיט דעם זוהן זענען אַוועק פון יאַריטשאָוו מיט אַ צוויי יאָהר.

פאַר אַ פּאָר חדשים איז דער זוהן משה געקומען פון קראָקאָ קיין לעמבערג און ערקלערט דעם טאַטען פאָלגענדעס: „איך זעה דיין לאַגע, דו וואוינסט אין בית המדרש, האָסט נישט קיין פּרנסה, קאָנסט נישט מפרנס זיין דיין בני בית. איך קאָן דאָ ווייטער נישט בלייבען. איך מוז אַוועק פון פּוילען, כדי נישט צו זעהען פון דער נאָהנט אייער נויט און עלענד. איך וועל אַוועק וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען".

חיים מרדכי ראָזען האָט אַ שוועסטער אין לאָנדאָן. משה האָט זיך אונטערגערעדט אַז ער וויל אַוועק צו דער מוהמען קיין לאָנדאָן. משה איז דערווייל געוואָרען אַן איינגעהער ביי די מיסיאָנערען אין לעמבערג. דער פאָטער האָט דערפון נישט געוואוסט.

ווען משה האָט זיין פאָטער כסדר דערצעהלט אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק, איהם צו פערלאָזען, האָט דער פאָטער דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש און האָט איהם דערפון אָבגעראָטען. ער האָט איהם אויפגעקלערט, אַז קיין לאָנדאָן וועט ער נישט קאָנען אַזוי גיך אַריבערקומען, די יאָהרען געהען און וואָס וועט זיין דער תכלית?

וואָס דען זאָל איך טון? — האָט משה געפרעגט.

חתונה האָבען — האָט איהם זיין פאָטער געענטפערט.

אָט דערצו האָט משה וועניג חשק געהאַט און פלעגט זיין פאָטער נישט געבען קיין תשיבה. דער פאָטער האָט אָבער נישט גערוהט און איהם בעהאַלטען אין איין אויפקלערען, אַז דער בעסטער תכלית איז חתונה האָבען, וואָס דען, אַזוי אַרומגעדן נע ונד? וועניג וואָס ער אַליין איז נע ונד?

ענדליך האָט דער פאָטער אָנגעהויבען אונטערצושיקען זיין זוהן שדכנים און מען האָט דעם בחור אָנגעהויבען מפציר צו זיין, אַז ער זאָל אַ חתן ווערען. מען האָט איהם גערעדט אַ שידוך מיט דער טאָכטער פון ה' א. ר. שטשעלעצקי-גאַס, אַ וואויל מיידעל מיט 600 דאָלאַר נדן.

ווען משה האָט דערזעהן, אַז מיט גוטען וועט ער ביי זיין פאָטער נישט פועל'ן, ער זאָל איהם לאָזען מיט די שידוכים, האָט ער איהם קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז ער געהט אַרויס „לתרבות רעה". משה ראָזען איז געווען אַ „יודישליכער" בחור מיט אַ באָרד און זיך אויפגעפיהרט גאַנץ פרום.

צוויי וואָכען פאַר פּסח ה. י. איז דער בחור פערשוואונדען געוואָרען און ביז היינט נישט צוריקגעקומען.

מיט אַ צייט צוריק האָבען די צייטונגען געבראַכט אַ ידיעה, אַז אַ אומבעקאַנטער מאַנספּערשוין האָט זיך אין וואַרשא אַריינגעוואָרפען אין דער ווייכסעל אַריין. לכתחילה האָט דער אומגליקליכער פאָטער געמיינט, אַז דאָס איז זיין זוהן בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. מען האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז דער אומבעקאַנטער זעלבסטמערדער, ביי וועמען מען האָט נישט געפונען קיין שום דאָקומענטען, איז גאָר געווען אַ יודישער יונגערמאַן אויס סטאַניסלוי.

חיים מרדכי ראָזען איז אָבער שפּעטער געוואָהר געוואָרען, אַז זיין זוהן איז גאָר געווען אַ גאַנצער איינגעהער ביי די מיסיאָנערען, ער האָט פון זיי געזאָלט האָבען בעקומען אַ געוויסען סכום געלד און אַ צוזאָג רייך צו ווערען, אויב ער וועט פאָלגען, ווי זיי ראָטען איהם.

יאָרידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" ענטפערטען אויף יורידישע פראַגען, וואָס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.

יורידישע אָפּטיילונג פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

[illegible]

גילטיג דעם 30-טען יולי 1928

7793. אַ שטענדיגער לעזער פון בושעזשינער

7794. שילינג.

7795. אַ לעזער פון ראַדוואַנסקאַ.

7796. ל. פּ. ליווערמאַנער.

וועגען אייערע ענינים דאַרפט איהר זיך פערשטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט, טעגליך פון 3—4 נאָכמיטאָגס אין דער רעדאַקציע.

7797. פּנחס.

אַזוי גערופענע קליינע רעפּעראַציעס מוז דער לאָקאַטאָר מאַכען אויף זיין חשבון-קוים מוז מען אָבער מאַכען ביי קאָסטבאַרע אינסטאַלאַציעס דאַרף עס שוין טון דער הויזווירט אויף זיין חשבון.

ווענדעט זיך צו דער וואוינונג אינספּעקציע און פאָדערט פון איהר אַ פעסטשטעלונג, וואָס פאַר אַ רעמאָנט מען מוז אין אייער דירה דורכפיהרען.

אויפ'ן סמך פון אָט אַזאַ פעסטשטעלונג קאָנט איהר געריכטליך צווינגען דעם הויזווירט, אַז ער זאָל אייך מאַכען דעם נויטיגען רעמאָנט אין געגענפאַל בעט אַז מען זאָל אייך עס ערלויבען טון אויף זיין חשבון.

7798. ז. ביינ.

אַ נאַדליטשבאָוואַ קאָן מען אַריינציהען אין אַקטיווען דינסט כל זמן ר'איז נאָך נישט עלטער ווי 25 יאָהר און דעריבער קאָן מען אייך אַלס 1902 שוין נישט אַריינציהען אין אַקטיווען דינסט.

וואָס שייך דעי מיספערשטענדניש מיט די איבונגען, האָט איהר שאַנסען איבגאַנצען בעפרייט צו ווערען. אין ערגסטען פאַל וועט דער אַרויסגעטראָגענער שטראָף-אורטייל געשאָנקען ווערען דורך דער אַמנעסטיע, אויב ס'וועט בכלל דערגיין צו אַ געריכטספערהאַנדלונג.

7799. אַ לעזער פון זשעראָמסקיעגאַ.

אויב אייער פרוי איז אָנגעוויזען אויף אייערע פערדינסטען, קומט איהר אונטערשטיצונג אין דער צייט פון די מיליטערישע איבונגען. מיט'ן אויסצאָהלען די אונטערשטיצונג פערנעהמט זיך דער מאַגיסטראַט.

דאָס וואָס איהר האָט נישט מיט איהר קיין חתונה-אַקטען — ענדערט נישט די זאַכלאַגע.

7800. ב-ש.

אויב דעם געשעפטסלאָקאַל האָבען געדינגען ביידע שותפים און די אונטערנעהמונג איז געפירט געוואָרען די גאַנצע צייט אונטער דער זעלבער פירמע, קוים ווערט די ספּולקאַ איצט אויפגעלעזען און די אונטערנעהמונג געהט איצט איבגאַנצען איבער צו איינעם פון די שותפים, קאָן דער הויזווירט פון דעם אומשטאַנד נישט מאַכען קיין געברויך.

7801. אַ געטרייער לעזער פון זגערזש.

האַנדלען מיט סאַכאַרין איז אַ סקאַרבאָווע פערברעך און דעריבער איז דערויף נישט חל די אַמנעסטיע.

7802. ש. ניימאַן.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער סובלאָקאַטאָר פערנעמט נאָר 1 צימער, האָט איהר דאָס רעכט צו פאָדערען פון איהם דירה געלט פּראָצענטפוס נישט פאַר 1 צימער, נאָר אַן'ענטשפּרעכענדען טייל פון דער אַלגעמיינער סומע דירה-געלט, וויפיל איהר צאָהלט פאַר דער גאַנצער דירה.

7803 I. K.

ט'איז אַ פראַגע פאַרוואָס מען האָט אייך בעשטראָפט, צי פאַר נישט האָבען קיין קאָנצעסיע, צי פאַר נישט האָבען קיין פּאַטענט.

אין ערשטען פאַל איז די אַמנעסטיע חל אין צווייטען פאַל — נישט.

דער טאַנץ אַרום גאָלדענעם קאַלב.

(ראָמאַן). 65)

— די צווייטע סיבה—האָט ראָבערט פאָרטגעזעצט — איז אויך נישט קיין ממשות'דיגע און בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מאַן פון מיין געליבטער, וועלכע איך שטעל פאַר אַלס מיין אייגענע פרוי, האָט איינגעאָרדענט אַן'אָבסערוואַציע" אויף אונז מיט דער הילף פון צוויי ספּעציעל-קאָמאַנדירטע פּאָליציי-אַגענטען. איך האָב בעמערקט זייט עטליכע טאָג, ווי זיי פאָלגען אונז נאָך אויף שריט און טריט, און עס האָט זיך מיר פערגלוסט אָפּצוחוזק'ן פון זיי. אַ טאָג צי צוויי, וואָלטען מיר פערבליבען אין דעם קליינעם האָטעל לע'ם וואָגזאַל, און דערנאָך וואָלטען מיר זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, איבערצייגט אין דעם, אַז מיר זענען פּטור געוואָרען זייער נאָכשפּיאָנירען. די דאָזיגע קאָמעדיע האָט מיך זעהר געוויילט דערפאַר, ווייל זי האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו פערבלייבען אַליין מיט מיין געליבטער, און איך האָב געהאָפט צו בערוהיגען זי און מאַכען זי פערגעסען אין די קליינע עגמת נפש'ן וואָס זי האָט פון מיר געהאַט...

— אייער נאָמען?

— ראָבערט איידעלשטאַט.

— וואו זענט איהר געבוירען געוואָרען?

— אין האַמבורג... איך בין איין-און-דרייסיג יאָהר אַלט. אַנומעלט האָב איך דעזערטירט קיין פראַנקרייך, וואו איך וואוין שוין גאַנצע זיבען יאָהר.

— מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך?

— איך בין אָהן אַ בעשטימטער בעשעפטיגונג.

— ווי-אַזוי זשע לעבט איהר?

— איך בין רייך.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט זיך דאַן געווענדט צו סאַלאָמעאַ'ן:

— איהר וועט אַזוי גוט זיין — האָט ער געזאָגט—מיטצוטיילען אייער נאָמען און פאַמיליע.

— איך וועל אייך דערויף נישט ענטפערען. איך וועל קיינמאָל נישט זאָגען מיין נאָמען, כדי ער זאָל נישט קאָמפּראָמיטירט ווערען אין דעם דאָזיגען נאַרישען פּלאָנטער. אַ חוץ דעם האָט מיר בכלל קיינער נישט, וואָס פאַרצוואַרפען. מיר בלייבט נאָר אַמ'ענערגישסטען צו פּראָטעסטירען געגען דעם אַרעסט.

— איהר ווערט בעשולדיגט, אַלס מיטבעטייליגטע...

— ס'איז מיר אַלץ איינס. איך וועל צוואַרטען, נישט ענטפּלעקענדיג מיין נאָמען.

— איהר זענט מחויב מיר צו ענטפערען! אין געגענפאַל וועל איך געצוואונגען זיין צו איבערלאָזען אייך אין מיין רשות ביז וואַנען איך וועל נישט אויפקלערען, וואָס פאַר אַן'אָרט איהר פערנעהמט אין דער געזעלשאַפט.

— טוט אייך, ווי איהר פערשטעהט. ביי מיר וועט איהר זיך גאָרנישט דערוויסען.

— אויב אַזוי, גיב איך תיכף אַרויס אַ פּעראָרדענונג, מ'זאָל אייך אָפּפיהרען אין תפיסה אַריין.

— דאָס איז אַ געמיינהייט! — האָט ראָבערט אויסגערופען — מ'טאָר אַזוי נישט בעהאַנדלען אַן'אומשולדיגען מענשען, מיין געליבטע האָט אַ וויכטיגע סיבה נישט אָנצורופען איהר נאָמען, ובפרט נאָך, אַז די דאָזיגע פאַמיליע, וואָלט מאָרגען אָנגעהויבען אַרומגעשלעפט צו ווערען אין די צייטונגען...

— פערפאַלען! אַזוי איז עס!—האָט געזאָגט דער אויספאָרשונגס-ריכטער—איהר וועט אַזוי גוט זיין אויסצוּוועהלען אַן'אַדוואָקאַט, און איך וועל אייך פערהערען אין זיין אָנוועזענהייט.

ראָבערט האָט זיך געפּרובט צו פּראָטעסטירען, נאָר דער בעאַמטער איז געבליבען קאַלט-בלוטיג.

— כדי נישט צו מאַכען קיין לאַנגע מערכות —האָט ראָבערט געזאָגט—וועל איך אייך בעטען איבערצושיקען געלד אונזער דינסטמיידעל, וועלכע היט אָפּ אונזערע זאַכען, און וועלכער איך האָב געמאָלדען, אַז איך פאָהר אָפּ אויף צוויי טאָג... איך האָף, אַז דער אַרעסט אונזערער וועט נישט לאַנג געדויערען, און די קעפּ פון די יוסטיץ-בעאַמטע וועלען שנעל אויסגעניכטערט ווערען...

מ'האָט זיי אָפּגעפיהרט אין טורמע.

דער אַרעסט האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקען טומעל אין דער מאַגיכטראַטור.

דער פּראָקוראָר האָט בעפוילען, אַז די אויספאָרשונג זאָל געפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער שנעלקייט.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז איידעלשטאַט איז געווען אַ קאָרטען-שפּילער, און פלעגט געווינען גרויסע געלד-סומען אין פערשידענע קלובען און קאַזינאָ'ס.

פון אימעטום האָט מען אָבער געגעבען די בעסטע אינפאָרמאַציעס, וועגען זיין האַלטען זיך, און וועגען זיין קאָרעקטקייט אין שפּיל.

מען האָט זיך בעמיהט צו געפינען מאָטיווען, וואָס האָבען געקאָנט זיין אַ סיבה פון וועלען דערמאָרדען זיין אייגענע שוועסטער.

מ'האָט אָבער גאָרנישט געפונען.

דער פערהער אין דער אָנוועזענהייט פון דעם פערטיידיגער האָט קיין שום נייעס נישט צוגעגעבען.

די בעווייזען פון פּיער גיליאַם און אַנטואַן רעטש האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר נישט קיין ממשות'דיגע.

— יאָ, טאַקי, סאַלאָמעאַ איז געווען אייפערזיכטיג אויף לאָורע דע-לאַרעל און דערפון זענען אַרויסגעקומען די פאַמיליען-סצענעס, וועגען וועלכע זשערמען האָט דערצעהלט.

יאָ, טאַקי, סאַלאָמעאַ האָט דיזשורירט ביי דער טיר פון דער קאָקאָטע, ווי אַנטואַן האָט מיטגעטיילט.

ס'קאָן אויך זיין אמת, אַז ליגענדיג אין בעט האָט ראָבערט און סאַלאָמעאַ גערעדט וועגען די דראָהונגען, מיט וועלכע אַנטואַן האָט געשראָקען די יונגע פרוי.

אמת איז אויך, אַז זיי האָבען זיך דערשראָקען, און געוואָלט ענטלויפען פון ניצצאַ—נאָר זיי האָבען דאָך דאָס געוואָלט טון דערפאַר, ווייל זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נאָך זיי יאָגען זיך נאָך אַגענטען. געשיקט פון סאַלאָמעאַ'ס מאַן.

(פאָרטזעצונג קומט).

נייעס! פעלד-בעטען נייעס!
מיט ספרענזשינעס

פון די נייעסטע ערפינדונגען מיט דע ... "Renoma" וואלט איהר אלע ...
הויפט-פערקויף אין דער טאַפּעציר-, דקשעל
5 J. JACHIMEK 5
STARY RYNEK
פאַר די קוואַליטעט — לאַנגיעהריגע גאַראַנטיע.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און דענטיסטישער קאַבינעט.
פּיאָטרקאָווסקער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד"ר וואַלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	3—4
ד"ר קעסלער	קינדער-קראַנקהייטען	9-11 3-4½
ד"ר ...	אינערליכע קראַנקה.	11—1
ד"ר ...	הויט-און געשלעכטס-קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד	נערוועז און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12½—1½
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע-קראַנקה.	1—2
ד"ר ... גרינמאַן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

פּסיכאָ-טעראַפּיע, שטראַהל-שטערונגען ... ווי שטראַהלען א. א. ... ווי מאַסאַזש, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויך ... אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אונטערזוכט אַלע ...

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ד"ר ראָזשינסקי סטאָמאַטאָלאָג	צאָהן-ארצט	10—1 3—6

קינסטליכע ציין, קאַראָנען, פּלאָמבען א. א. וו.
די לעטשניצע איז אויך שבת זונטאָג.

אשרי אדם שומע לי!
לשקד על דלתותי יום-יום כי הולך בתום ילך בטח
און אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדאָווע זאַכען, זאָלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ
17 פּעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַוואַדסקאַ 52, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבען לויט'ן אויסטאַוו אַלערליי בימעס קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטייער ..., אַפּעלאַציעס צי-ווילנע און קאַרנע אַפּאָזיציעס, אַדוואָ-לאַניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אוזשאָנד-ראַזיעמטשי, וועגען ... אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו און אַלע פּאָליציי-בעצירקען, אַקטען אינטער-ציזיעס, זאַקטען דאַראָווזנעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. ספּעציאַליסט פון שותפות-אָקטען. מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ, רעכט-קאָנסולענט.

צו וואָס זאָלט איהר ליידען פונ'ם שווייס פון פיס!
וואָס די הויט קריכט אָפּ און עס מאַכט ראַנעס און פון שלעכטען ריח, וואָס קיין מענש קאָן נעבען אייך ניט שטעהען, אַז פאַר אַ פּאָר גראָשען קענט איהר דאָס אַלעס בעזייטיגען נאָר נוצענדיג דעם בעוואוסטען פּראָשעק ראַדיקאַל, וועלכעס שיהיט אויך דאָס לעדער פון פּלאַצען. — אויך אַ גוט מיטעל צו וואַנצען און אויך צו אַלע פערשידענע ווערים, גאַראַנטירט אויף אַ גאַנצען זומער. צו בעקומען ביים ציי טונגס-פערקויפער גאָלדבערג, פּיעטריקאָווער 21. 304

די „גאוני ישראל“
איז אַ גאַנץ נייער אויפלאַגע
איז צו בעקומען אין אַדמינ. „נייער פאָלקסבלאַט“
צום פּרייז פון 60 גראָשען.

42 בעקאַנטמאַכונג. 42
דער בעוואוסטער ערשטקלאַסיגער
רעסטאָראַן
פון מ. פּאָגעלמאַן
שטרענג כשר!!! שנעלע בעדינונג!
מאַכט בעקאַנט 42 צעגעלניאַנאַ 42 מאַכט בעקאַנט
דעם ג' פּובליקום דאָס נאָך אַ גענצליכען רעמאָנט איז ביי מיר צו בעקומען שמאַקהאַפטע מיטאָגן און אָווענד-ברויט מילכיג און פליישיג צו בילליגע פּרייזען!
דער ביפעט איז פּערזעהען מיט אין- און אויסלענדישע געטרענקע.
מ. פּאָגעלמאַן, צעגעלניאַנאַ 42.

וואַרנונג!
אַזוי ווי עס האָבען זיך בעוויזען אין שטאָט פערשידענע נאָכגעמאַכטע פּעלד-בעטען, מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פּובליקום, אַז די עכט-פּאַטענטירטע **בעטען** עכט-פּאַטענטירטע
זענען פערזעהען נור מיט דער שוץ-מאַרקע
PALMA-PATENT
פאַר וועלכע מיר זענען פעראַנטוואָרטליך ביז 3 יאָהר.
— צו בעקומען איז אַלע געשעפטען. —
אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל:

ניקעל-בעטען,	אַמעריקאַנקעס,
ניקעל-קינדער-בעטען,	קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען,	קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאַס,	אויף רעדלעך.

מאַטראַצען געבעטענע, שעזלאָנגס און קאַנאַפּקעס.
קאָוועקעס און טאַפּטשאַנעס.
בעטען בעטלעך מיט ווענטלעך וויים אָדער ברוין 17 זל.. פּלאַווע בעטלעך 14 זל.
רעעלע בעהאַנדלונג. פאַבריקס-פּרייזען. זעמטליכע רעפּעראַטורען.
הורוויץ! לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. רעמיין!

איך נעהם אָן
צום ראַזען אויף לויז
DO DRAPANIA
טריקאָטאַזשע, בוימוואָל, און וואָל וואַרען אין אַלע קוואַנטומס
SYNDYCY TYMCZ. MASY UPADŁ.
JAKÓB KESTENBERG Sp. Akc.
26 Nowo-Targowa 26

אַ קירזשנער-אַרבייטער (אַ מיטגליעדער) ווערט געזוכט פון זאַפּאַרט אין דאַמען-קאָנפעקציאָן-געשעפט ביי פּרענגקעל און זשולטקאָווסקי צעגעלניאַנאַ 40. 308

לעכער
מאַשינאַווע
ווערען אָנגענומען אויסצו-נייהען צו בילליגע פּרייזען ביי ג. נאָרדמאַן
29 צעגעלניאַנאַ 29

דער בעריהמטער קאַליגראַף
ל. בערמאַן
(דער יונגער) וואוינט אויף זאַוואַדזקאַ 19, 1-טער שטאָק, און לערנט אויס שעהן און שנעל שרייבען און אויך גוט אַ יודישען בריף אין 15 לעקציעס.
געדענקט: זאַוואַדזקאַ 19

Dr. med.
L. Pikielny
אורעלאָג
ספּעציאַל-ארצט פאַר נירען, בלאָזען- און האַרן-קראַנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
אָנגענומען פון 4—7 אין אָוונט.

אַנ'אָרט צו שלאָפען
פאַר איינעם אָדער 2 אַנ-שטענדיגע יונגעלייט אין אַ בעזונדער צימער איז פון זאָפאָרט אָפּצוגעבען ביי מענדעלסאָן בוזשעזשינער 44. 407

— אַ —
שפּולערין
ביי האַנד-זאָקען קען געפינען אַרבייט קילינסקיע-גאַ 23, פראָנט, 1. שטאָק.

אַ יונגעל
אויף פּראַקטיק אין אַ גאַ-לאַנטעריע-געשעפט ווערט געזוכט פון זאַפּאַרט ביי ציימאַק, נאָוואָמיעסקאַ 5.

Dr. med.
A. Szmirgeld
נערווען-ארצט
עלעקטריזאַציע, ליכטבעהאַנדלונג
Koplelniana 6, tel. 51-89
אָנגענומען פון 5—7 אָוונט.
הייל-פּעדאַגאָגישער קורס פאַר שוואַכבאַגאַבטע ... קינדער ...

Dr. med.
BRAUN
23 פּאָלודניאָוואַ 23
טעלעפאָן 40-26.
ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכקייט.
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל)
נעהמט אָן פון 9 ביז 11 פריה און פון 5—8 אָוונט.
צוריקגעקעהרט.

Dr. med.
Wolf Eychner
פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע
זגערזשער 11 טעל. 34-72
נעהמט אָן אין דער לעטשניצע ... 294 פון 12—2 ... פון 5-6

ARABKA
MIEJSKI KINEMATOGRAF OŚWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od wtorku dn. 24 do poniedziałku 30 lipca wł.
Dla dorosłych:
„ARABKA“
Dramat wschodni w 9-miu aktach.
w rolach głównych:
Marja JACOBINI i Harry LIEDTKE.
Dla młodzieży:
Niesamowite przygody, osnute na tle powieści JULJUSZA VERNE'A
„EUROPA MÓWI O TEM“
(Podróż naokoła świata w 18 dniach)
w rolach głównych:
William Desmond i Laura la Plante.
Wpoczekalniach kina codz. do g.22 audycje radjofonics.

אַכטונג, ציטונגס-פערקויפערס!
די פערוואַלטונג פון אומפּאַרטייאישען פעראיין פון ציטונגס-פערקויפערס מאַכט בעקאַנט, אַז זונטאָג, דעם 5 אויגוסט, פּונקט 6 אַ זייגער אָוונד ביי יעט-וועדער צאָהל מיטגלידער קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אויף ווסכאָדניאַ 34
אַ פערזאַמלונג
מיט דער טאָג-אָרדנונג: 1) וואַהלען פון אַ פּאָרזיצענ-דער אויף דער פערזאַמלונג, 2) וואַהלען פון אַ פער-וואַלטונג ווי אויך פון אַ רעוויזיאָנס-קאָמיסיע.
וו. פּרעזעס עמנואל לעדערמאַן
סעקרעטער וויעלגאַוואַלסקי.

השבת אבדה.
פאָהרענדיג נעכטען אַרום 10 אַ זייגער אין אָוונד פון אַנדזשעיעוו קיין לאָדז איז מיר פערלוירען געוואָ-רען אַ פּאָרטפעל מיט פערשידענע דאָקומענטען און איניגע פּראָטעסטירטע וועקסלען, וועלכע האָבען פאַר קיינעם קיין שום ווערט ניט, ווי אויך אַ מיליטעריש ביכעל אויפ'ן נאָמען י. לאַנער, בזשעזשינער 31. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען עס אָפּצושיקען אויפ'ן אָנגעוויזענעם אַדרעס. 706

לעטשניצע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז האַלז, אויערן קר.	10—11 2—5 7—6
ד"ר רוזשאַנסקי	הויט און געשלעכטס קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין	אויגען-קראַנקהייטען טראַכאָמע	1—2 7—8
ד"ר יוסטמאַן	נערווען קראַנקהייטען	12—2
ד"ר ראַזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5—6
ד"ר קאָנמאַן	כירורגישע-קראַנקהייט, 4-5 זונ.	1—2
ד"ר ווינבערג	אינ. וועגן, לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד"ר סמאָמעל	רענטגען	10—12 4—6
א. גראָדזענסקי	צאָהן-ארצט	3—7
נ. ראָזען	צאָהן-ארצט	9—2

צאָהן-טעכניש-אַבטיילונג, בעלאָמבירונגען, קאָראָנען, פּלאָמבען א. א. וו. בײַ דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
אַ רענטגען-אינסטיטוט
פאַר דיאַגנאָסטיק און הייל-בעהאַנדלונג ... (פּאַרך) ... קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, ... אַנאַליזען. ... קורס פאַר שוועסטער.
אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
ווזיט אין דער שטאָט.
ערצטליך-קאָסמעטיש. קאַבינעט
פרל. מ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָוונד

צאָהן-אַרצט LEKARZ-DENTYSTA
St. GELBERG
זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08
היילט גאַנץ פערנאַכלעסיגטע ציינער און מויל-קראַנקה. צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַה-לונג, ספּעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציין. נעהמט אָן פון 9—7 אָוונט. צו בילליגע פּרייזען.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—15 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—20 גר. אין דער ציר זייט 7 שפּאַלטען.
אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ 60— „ „ „ 4
נאָכ'ן טעקסט—1 „ „ „ „ „ 15— „ „ „ 7
פיליעטאָן-שורה: 50 גר. ... 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט צושטעלונג אין היים; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד מיט 30 פּראָצ. טייערער.
פאַר'ן אינהאַלט פון אַנאָנסען טראָגט די רעדאַקציע ניט קיין פעראַנטוואָרטליכקייט.
די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Braustowski i D. ...berg. Redaktor odpowiedzialny Ch. ...
Czcionkami i nakł. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.